STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10847

FARVOGLTE YIDN

Jacob Hersh Fishman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב הערש פישמאן

פארוואגלטע יידן

דערציילונגען

ארויסגעגעבן פון א געזעלשאפטלעכן קאמיטעט

שאנכיי 1948

געזעצט דורך מ. צוקער.

JACOB HERSH FISHMAN

"FARVOGLTE YIDN"

STORIES

Shanghai 1948

Printed by J. M. Elenberg, Shanghai.

הייליקער אנדענק

מיין פרוי **געלע**

מיין טאכטער **שולקע**

אומגעקומען דורך די רוצחים-דייטשן

אין ארבעט און מארד-לאגער

אין טראווניקי — פוילן,

אין נאוועמבער 1943.

פארווארט

דער צוזאמענשטעל פון די דערציילונגען איז לויט א געשיכטלעכן סדר.

פון אנהויב זענען די פליטים באהערשט געווען פון חלומות וועגן שיפן, וואס וועלן זיי ארויספירן פון שאנכיי צו א רויק, זיכער לאנד („שיפן״), עס איז אבער שפעטער געקומען די ווירקלעכקייט, דער געטא און אלע זיינע „מעלות טובות״. הונגער, עפידעמישע קראנקהייטן, טעראר פון די יאפאנישע זשאנדארן, קרבנות. מענטשלעכע געפאלנקייט. קאמישע הכנעה-דיקייט פון א טייל לגבי דעם מושל פון געטא, דעם משוגענעם קרענקלעכן סאדיסט גאיא („א בלאנדזשענדיק מענטשל״ און „גאיאס קאנצערט״).

און איצט לעבנס-שטייגער, ווי א רעזולטאט פון יארן אויף אן אינזל, אפגעשניטן פון דער וועלט.

משפחות פון פארשידענע לענדער, פרעמד איינע דער אנדערער לויטן לשון, מענטאליטעט און אנשויאונגען שליסן צווישן זיך שידוכים („א חתונה״).

און לסוף: די מלחמה איז שוין געענדיקט. דער געטא איז געעפנט, נאר וווהין גייט מען? א בהלה. מען לויפט צו די קאנסולן. מען זוכט א מקום מנוחה. די טויערן פון די לענדער, צו זייער חרפה, זיינען אבער געשלאסן („ווייטער וואנדערונגען״).

ארויסצוגעבן אין שאנכײַ א יידיש בוך איז וואגונג, מוט. מען דארף גובר זיין א סך מניעות פון טעכנישן כאראקטער און איצט די ליבע סביבה...

איך דריק דעריבער דא אויס מיין הארציקן דאנק די פריינט י. דאבעקירער און י. זיגער פאר זייער איניציאטיוו און נישט קארגן קיין מי, אז דאס בוך זאל דערשיינען.

י. ה. פישמאן

שאנכיי, דעצעמבער 1947.

שיפן

די זון האט א גאנצן טאג ארייגעשיינט אין דער פּליטים-קיך, פונדעסטוועגן האט עס דא אויסגעזען ווי א פייכטער, שמו-ציקער גרוב.

די הילצערנע פּאדלאגע איז געווען דורכגעבראכן אין גרויסע לעכער, דורך וועלכע מען האט געזען וואס ס'טוט זיך הינטן אינם רייכן קאלאניאל-געשעפט און דער באלעבאס פון געשעפט, דער פעט-אויסגעפּאשעטער כינעזער מיטן לבנה-פּנים האט ווידער אלץ געזען, וואס ס'טוט זיך אויבן אין דער קיך פון די אייראפעאישע עמיגראנטן. דאס בלוט אין זיין פּנים האט געברענט פון כעס, וואס די לעכער אין סופיט ווערן וואס א טאג ברייטער און ער איז דעריבער גאר נישט זיכער מיט זיין סחורה. ער איז יעדן טאג געלאפן צו דער פּאליציי.

א צוויי שעה פאר מיטאג זענען זיך צונויפגעקומען די פּליטים. קיינער פון זיי האט נישט געארבעט, נישט געהאט וואס צו טאן מיט דער צייט און אז מען איז זיך צוזאמענגעקומען האט מען אפט געהערט אזא נייעס, וואס איז געווען א טרייסט פארן שווערן געמיט.

די ווייבער מיט די קינדער זענען געזעסן ביי די אפענע פענסטער, זיך געווארעמט אין דער זון פּונקט ווי אמאל אין פוילן אויף דאטשע, אויף די וועראנדעס פון די ווילעס. מ'האט געצויגן מיט די נעזער דעם ריח פון געקעכץ און מ'האט גערעדט וועגן שיפן. „מ'זאגט, אז א ליאדע טאג וועלן אנקומען שיפן, וואס וועלן אונז אוועקפירן אין א לאנד, ווייט פון קריג"...

אבער ווי נאר די הייסע קעסלען מיטן אפגעקאכטן מיטאג האבן זיך באוויזן אין עס-זאל האבן זיך אלע אפגעריסן פון זייערע כשוף-חלומות און געלאזט זיך צו די טישן פארכאפן א פלאץ. דערוויל איז דאס ביסל מיטאג דער עיקר.

פרוי קאפוסטין, די אויפזעערין פון קיך און ה׳ גורקין, דער פארוואלטער זענען אריינגעקומען אין עס-זאל ווי טריומפאטארן, ווי פילאנטראפן, מיט א מינע: „גענוג געארבעט פאר אייך". זיי האבן קיינעם פון די עסערס ריכטיק נישט דערזען. זיי האבן נאר באמערקט באגריסונגען פון אלע זייטן און זיי האבן קוים-קוים געענטפערט.

פרוי קאפוסטין מיט דער שפיציקער נאז, שמאלע ליפן און שפילעוודיקע אויגן און דער ה׳ גורקין אין אפגעטראגענעם פראק מיטן אפענעם קראגן פון העמד האבן זיך געזעצט ביי זייער טיש, וואס איז פאר זיי אליין אפגעבלאזן און אפגעהיטן.

זלמן שפרינגער, זייער געהילף האט געגאסן זופ אין די טעלערס און דער פרוי קאפוסטינס שפילעוודיקע אויגן האבן מיט אים פונווייטנס רעגירט, דא ביי זלען און דא אביסל מיל-דער. און גורקין האט געהאלטן אין איין צייכענען אויף פאפיר ציפערן מיט ציפערן. אראפגענומען און צוגעגעבן, אבער נישט אויסצוהאלטן: פון אלע זייטן אויגן... און אין מיטן דארין האט ביי די טישן מיט די אומזיסטע פרעסער זיך פונאנדערגעריסן א פ כ ע און א ברעכעניש דערצו, ווי זיי וואלטן אין גרינעם שפינאק דערשפירט א טעם פון זייף און מיט אמאל זענען אויף די טישן אויסגעוואקסן קופעס גרין מיסט... אבער פון מיטן זאל איז אנגעלאפן א קליין בלאנד מיידעלע, מיט גוטע בלויע אייגע-לעך, וואס האט געשפרונגען ווי א הענדעלע און זיך גלייך גע-לאזט אין די ארעמס פון פרוי קאפוסטין:

— דזשענקויען, טשאטשיו. (איך דאנק, מומע).

מיט ביידע הענט האט פרוי קאפוסטין גענומען דאס קינד-

צו איר מויל און עס געקושט מיט פארגעניגן, מיט פרייד.

ביי די ליידיקע טישן איז געבליבן זיצן נאר איין מענטש אן עלטערער, עלעגאנטער הער מיט א ברוין-טונקל פנים. ער האט געגעסן זיין פארציע שפינאק מיטן שטארקן אפעטיט, מיט פרעסערישע הנאה, ארייגעווארפן אין מויל פולע לעפל גרינס און זיינע שווארצע וואנצעס מיטן קליינעם שווארץ-גרייז בערדל זענען ווי לעבעדיקע, לוסטיקע באשעפענישן געשפרונגען ארויף און אראפ.

פון די ווינקלען האבן מענטשן זיך נייגעריק צוגעקוקט צו דעם מאדנעם אומבאקאנטן עלטערן הער, וואס עסט אזוי גיריק דאס מיסט. און איינער דעם צווייטן האט געפרעגט:

— ווער איז דער מענטש?

ס'האט קיינער נישט געוווסט.

דער מאדנער אומבאקאנטער עלטערער, עלעגאנטער הער הייסט סאלאמאן מינטשוק, א פליט ווי אלע פליטים, נאר כדי זיך נישט צו טרעפן מיט מענטשן איז ער אין קיך געקומען דער סאמע לעצטער.

פאר דער מלחמה האט סאלאמאן מינטשוק געארבעט, אין פארלויף פון יארן, אין פארשידענע רייכע יידישע האנדלס-פירמעס, אבער פון אומעטום איז ער נאך א קורצער צייט אוועק א ברוגזער, ווייל זיין אמביציע איז געווען נישט צו זיין אן אנגעשטעלטער, נאר דער פירער, דער דירעקטאר. אבער אומע-טום זענען אים מענטשן געשטאנען אין וועג.

אנגעקומען אין שאנכיי איז סאלאמאן מינטשוק געווען אין א טרויעריקער לאגע, אן א גראשן געלט אין קעשענע. און וואס טוט מען נישט צוליב נויט? האט ער זיך דערלויבט צו טעלע-

גראפירן, פאר געבארגט געלט, צו זיינעם אן אמאליקן קאלעגע פון פוילן, זייער קורץ: „אויב דו האסט חשק, שיק מיר אביסל געלט". עס האט אים אבער דערנאך באלד באנג געטון. ער האט זיך געפילט אראפגעהאקט פון כבוד און נאך ערגער האט ער זיך געפילט עטלעכע טעג שפעטער, ווען עס איז אנגעקומען א טעלעגראפישער ענטפער מיט הונדערט אמעריקאנער דאלער. ער האט זיך געפילט ניין איילן אין בלאטע.

אויך דא אין שאנכיי האט מינטשוק געהאט די אמביציע נישט צו זיין סתם א מענטש צווישן פליטים. נאר דער ווארט-זאגער. ער האט געהאט פאר זיי גראנדיעזע פלענער, נאר ווידער די זעלבע מעשה, ער האט דערזען די מענטשן, האט ער זיך דערמאנט, אז שטענדיק שטערן זיי אים.

פון אנהויב האבן עס געציילטע, די „בעסערע" מענטשן געהאלטן בסוד, עס זאל חלילה נישט ארויס אין גאס, אז דער פוילישער אמבאסאדאר אין טאקיא איז מיט זיין פאמיליע און אלע זיינע מיטארבעטער אנגעקומען אין שאנכיי. עוואקואציע... אז דער אמבאסאדאר וועט מיטנעמען מיט זיך א ביסל מענטשן, אויסדערוויילטע... אבער ווי איז מיגלעך איינצוהאלטן אזא סוד? איז געווארן א געלויף צום אמבאסאדאר פון אלע פליטים. מיט כוח און קונצן האט מען זיך אריינגעקריגן אין זיין קאבינעט, זיך פארגעשטעלט פארן אמבאסאדאר מיטן גאנצן יחוס פון פאר דער מלחמה און אז מען איז היינט אויך נישט אבי-ווער. דער אמבאסאדאר אבער, אן איידעלער אויסזען און פיינע מאניערן האט יעדן, אויף א רגע, געשאנקען א דינעם שמייכל מיט א צו-גאב פון א פאר ווערטער, וואס קיינער האט נישט פארשטאנען וואס ס'הייסט: „יא" אדער „ניין"... מען איז נאכגעלאפן די באמטע, געוואלט פון זיי זיך דערוויסן וואס און ווען, נאר ריר

א מויער. מען האט זיך אנגעהאנגען אין דעם נייעם באאמטן, וואס דער אמבאסאדאר האט דא אין שאנכיי צוגענומען ספע-ציעל צו דער עוואקואציע און ער איז א ייד... האט מען אים ארומגערינגלט פון אלע זייטן: „זאג, ליבער הער, ביזט דאך עפעס אן אייגענער, וואסזשע איז מיט מיר״? אבער אויך ער, פאגעל, האט גערעדט פונקט ווי דער אמבאסאדאר גוט און פריינטלעך און מיט א דינעם שמייכל, אז מען האט פון אים זיך אויך גארנישט דערוווסט.

וואס דער אמבאסאדאר האט צוגענומען גראד איצט א נייעם באאמטן און א ייד דערצו איז געווען מיט גרויס כוונה. ער דארף אים האבן דעם ייד. כדי ארויסצוכאפן פון טויזנט פליטים נאר פופציק מענטשן, די בעסטע פון אלע, דארף מען זיי גוט קענען און אויף דעם איז גוט פאגעל, אי ער איז א ייד און אי ער איז א גוי... פאגעלן האט געשמייכלט דער דאזיקער אמט פונקט ווי מען וואלט אים אנגעטאן א גענעראלשן אני-פארם. אבער פון דער צווייטער זייט איז אים די אויפגאבע צו שווער, ווייל ער קען זיי נישט און ביזן היינטיקן טאג האט ער זיי נישט געוואלט קענען...

פאגעל איז געווען ארומגערינגלט פון די פליטים מיט ליבע און מיט לויב. יעדער האט זיך פאר אים פארגעשטעלט מיטן גאנצן יחוס פון פאר דער מלחמה און אז מען איז היינט אויך נישט אבי ווער...

וו ער איז געגאנגען זענען די פליטים אים נאכגעגאנגען. גוט איז א ווארט צו אים, א ווארט פון אים, א בליק, א שמייכל מ׳האט געטראפן צו אים אפילו אין דער קאפע „ווייסע רויזן״, וו פאגעל האט יעדן אוונט ביי א שעלכל קאווע זיך אפגערוט פון א גאנצן טאג שווערע ארבעט. מען איז לפנים געקומען אין קאפע אליין עפעס טרינקען, נאר אז מען זעט דא פאגלען, וואס סארא פרייד! זעצט מען זיך לעבן אים, וואס גענטער צו אים

פילט מען זיך בעסער, זיכערער... מיט פארגענוגן זיך צוגעהערט צו יעדעס צוקער-זיס ווארט, וואס איז ארויס פון זיין מויל און מען איז אליין אויך נישט געשלאפן. יעדער האט זיך באמיט פון זיך ארויסצוקריגן א גלאנציק גלייך-ווערטל, אז עס זאל מאכן פאגעלן לאכנדיק... וואס קומט אבער ארויס? דער אוונט האט זיך געענדיקט. די קאפע „ווייסע רויזן” איז געווארן ליידיק און קיינער האט נישט געוווסט, וואס פאגעל מיינט וועגן אים און נישט פאגעל האט געוווסט וואס צו מיינען...

די געציילטע, די „בעסערע” פליטים זענען געקומען צו פאגעלן אין זיין וווינונג איידער ער גייט צום אמבאסאדאר. די „נאס” האט דערצו נישט געוואגט, נאר די בעסערע אבער זענען געקומען נישט חלילה צו שטערן זיין רו און געמיט, נישט צו, בעטן און נישט צו וויינען, נאר פון ריכטיקער פריינטשאפט: ווי ס׳גייט? וואס מיטן געזונט? מער גארנישט, נאר פריינט-שאפט...

אז סאלאמאן מינטשוק האט זיך באוויזן אין פאגעלס צי-מער איז פאגעל איבעראשט געווארן פון דער דאזיקער פיגור, זעט אויס, ווי א געוועזענער פריץ, ווי א געלערנטער, ווי א באנ-קיר, ווי א דאקטאר. ער האט דעם דאזיקן וונדערבארן מענטש נאך קיינמאל נישט געזען. ער האט זיך געפילט ווי א שול-יינגל פאר זיין פראפעסאר.

אן שהיות האט מינטשוק זיך פאר אים פארגעשטעלט מיט זיין גאנצער בלענדנדיקער פארגאנגענהייט. פירער פון די גרעס-טע האנדלס-פירמעס אין פוילן, וויכטיקער פאקטאר אין דער ווירטשאפט פון לאנד. פאגעל האט א צעחושטער זיך איינגע-הערט צו די רייד פון דער מערקווירדיקער פיגור. ער איז גע-שטאנען מיט אראפגעבויגענעם קאפ. נאך וואס איז ער געקומען

מינטשוק? נישט מער ווי זיך מיט אים באקענען, מער נישט...

א דערפרייענדיקער האט פאגעל ווי א שול-יינגל פאר זיין ליבן לערער זיך אראפגערעדט פון זיין הארץ: ער איז מיד. דער אמבאסאדאר האט אויף אים ארויפגעלייגט א צו שווערע ארבעט. אויסצוקלויבן צו עוואקואציע פופציק פון טויזנט מענטשן איז נישט קיין קליינע זאך, ווען ער קען קיינעם נישט...

מינטשוק האט אויף אים געקוקט מיט ווירדע פון א דאקטאר ביי זיין פאציענט. ער האט געשמייכלט:

— איר וועט זיך אן עצה געבן...

— איך האב צו אייך א ביטע, חשובער הער מינטשוק העלפט מיר ארויס פון מיין לאגע. איר קעט דאס קאנען. איך גלויב, איך זע...

מינטשוקס אימפאזאנטער אויסזען און זיין זיסער שמייכל האט אים געגלעט, בארויקט. יא, ער איז גרייט פאגעלן צו העלפן. פאגעל האט אים ארומגענומען מיטביידע הענט, ווארעם געלאכט:

— הער מינטשוק, איר זענט מיין פריינט...

פאגעל איז צוויי טעג ארומגעגאנגען א דענערווירטער. עס דויערט צו לאנג. ס'ווערט שפעט. היינט-מארגן וועט דער אמבאסאדאר פון אים מאנען דאס מאטעריאל. ער איז אוועק צו מינטשוקן. ער האט געהאט נחת טרעפנדיק מינטשוקן ביי דער ארבעט און אזוי פארטאן, אז ער האט אים נאך נישט באמערקט. מינטשוק האט איצט אין זיינע אויגן אויסגעזען א גרויסע, ערנסטע פערזענלעכקייט, א גיגאנט. ער האט געקוקט מיט התפעלות. ענדלעך האט מינטשוק זיך געכאפט, אז עמיצער איז אין זיין צימער.

— הא, הער פאגעל, זייער אנגענעם. האט איר דאס

פאפיר. פופציק נעמען, די בעסטע. איך האב פארשידנס געפרווווט, אבער אט איז עס.

פאגעל האט זיך אבער א קרום געטאן. דער דאקומענט איז נישט פולקאם, עס פעלט.

— וואס למשל, הער פאגעל?

— אייער נאמען איז נישטא...

— דאס איז א צווייטראנגיקע פראגע. דאס געהער שוין צו אייך, הער פאגעל.

— ניין, ניין דאס וועלן מיר איצט דא פארריכטן.

— ווי אזוי, אויב נאר פופציק?

— א קלייניקייט. מעקט אויס אויף בלינד איין נאמען און אייערן שרייבט אן אויפן ערשטן ארט.

מינטשוק האט זיך געקווענקלט. ער האט זיך געראנגלט מיט זיך אליין. ער האט דאס אבער דאך געטאן.

א שמיר געטאן מיט דער פעדער איבער עפעס א נאמען און אנגעשריבן זיין אייגענעם אויפן ערשטן ארט.

ביידע מענטשן האבן שטראלנדיקע זיך געזעגנט ווי צוויי אלטע פריינט.

די פליטים זענען היינט געקומען אין קיך מיט צוויי שעה פריער ווי שטענדיק. ס'איז א יאריד. דער לאקאל איז איבער־פולט מיט מענטשן. פיל פנימער, וואס מען האט זיי ביז היינט נישט געזען. די ענגשאפט איז גרויס, נישט מיגלעך צו זיצן און נישט מיגלעך צו שטיין. איינער שטויסט דעם צווייטן, דער טומל איז אויסטערליש ווי אויף א מארק. אלע ריידן צוזאמען און יעדער וויל מ'זאל אים הערן. יעדער האט אווארט, וואס שטיקט אים, נאר דער מענטשן־געדראנג און טומל שטויסט אים און טרייבט אים און דאס ווארט ווערט פארלוירן, נישט געהערט.

איין געשריי איבערן זאל: ווער זענען די מענטשן, די אויסדערוויילטע? ווער קען זיי? קיינער נישט! און ווער איז עס דער מינטשוק אזש אויפן ערשטן ארט? און זיי, אויך קאפוסטין און גורקין, וואס האבן אונז א גאנץ יאר געקארמעט מיט „פאס-גע" וואסער.

עס רייסט א האנט אין עמיצנס אקסל:

— צו וועמען זאל מען גיין? קומט אלע צום אמבאסאדאר! קומט מיט א פראטעסט...

עס האט זיך דערהערט א געשריי פון ווינקל ביי דער טיר. ווי מען וואלט ד'ארטן געכאפט וועמען מ'האט געזוכט. וואס איז געשען? פרוי קאפוסטין און גורקין זענען געקומען איבער-געבן די קיך זייער געהילף זלמן שפרינגער און זאגן אים „זיי געזונט"... האבן זיך אויף זיי געווארפן פון אלע זייטן אויפגע-רעגטע: אט זיי געכאפט! דער געשריי איז געווען ביזן זיבעטן הימל און צייט איין מינוט האט די פרוי קאפוסטין פארלוירן איר ניי היטעלע און גורקין די קנעפ פון נייעם מאנטל.

דער עולם איז אויפגאמאל ארויס אין דרויסן, אוועק צום אמבאסאדאר.

א שאד אבער געווען די צייט און דער וועג. געטראפן פארשלאסענע טירן. דעם אמבאסאדאר נעמט שוין קיינעם נישט אויף. אלץ איז געענדיקט. דער אמבאסאדאר און די פופציק אויסדערוויילטע פאקן שוין בשתיקה זייערע זאכן גרייט צו דער שיף.

אויסצודריקן א דאנק פאגעלן האט דער אמבאסאדאר אים פארבעטן אויף א גלעזל טיי און אויס דאנקבארקייט צו מינטשוקן האט פאגעל אויסגעפועלט ביים אמבאסאדאר אים, מינטשוקן אויך צו פארבעטן.

דער אמבאסאדאר האט זאט זיך נישט געקאנט אנקוקן אויף דער אימפאזאנטער פיגור פון הער מינטשוק, ער זעט אויס א גרויסע שטארקע פערזענלעכקייט, און האט דערפאר גוטמוטיק געשמייכלט צו פאגעלן און פאגעל האט זיס געשמייכלט צו מינטשוקן.

דער אמבאסאדאר איז זיך געזעסן רויק אין פאטעל, האט אינגאנצן געשיינט און געלויכטן, וואס ער איז שוין פארטיק מיט די אלע פארבערייטונגען. זאלן זיי דארטן, די מענטשן, שרייען און ליארמען. מארגן שווימט ער אוועק פון כאאס. ער האט זיך איצט געפילט נישט ווי אן אפיציעלער מענטש נאר ווי א מענטש מיט צוויי פריינט און צו דער טיי האט ער זיינע טייערע פריינט מכבד געווען מיט א טייערע משקה, געטרונקען לחיים. געענדיקט מיטן כאאס. זאלן זיי דארט שטורמען. מארגן וועט מען שווימען און צארט האט ער געשמייכלט צו די צוויי פריינט.

מיט הארצווייטיק זענען די פליטים געגאנגען צום פארט געזעגענען דעם אמבאסאדאר. מ׳קאן קיין ברוגז נישט פירן. די ערשטע שיף איז שוין פארפאלן, אבער די צווייטע... מען איז געקומען אנגעלאדן מיט בלומען און מתנות. מ׳האט אלץ געטאן כדי נושא חן צו זיין די לעצטע מינוטביים אמבאסאדאר און זיך איינקריצן אין זיין זכרון און נישט נאר פון אמבאסאדאר, נאר אויך פון אלע זיינע באאמטע און ספעציעל פון פאגעלן. אלע פליטים זענען געקומען, מיטגענומען אפילו די קליינע קינ-דער, אפשר אין זייער זכות. מען האט געזען וואסער, שיפן, אבער די שיף מיטן אמבאסאדאר און מיט די פופציק גליקליכע ווו איז? געפרעגט ביי אלע פארט-ארבעטער. קיינער ווייסט נישט. ענדלעך זיך דערוווסט, אז שוין פיר שעה ווי די שיף איז אוועק...

דער עולם איז צוריקגעגאנגען באלאדן מיט בלומען און מיט די מתנות און מיט א גרויסן ווייטיק אין הארצן...

א בלאָנדזשענדיק מענטשל

איגנאַצי רובין איז יעדן טאָג נאָכגעלאָפן הערמאַן פּראַ־
גערן איבער די שאַנכײַער גאַסן, געוואָלט זיך מיט אים באַקענען,
זיך דורכריידן וועגן זײַער אַ וויכטיקער זאַך. יעדן מאָל אָבער
איז געווען אַן אַנדער שטער. דאָ כאַפּט זיך פּראַגער פּלוצלונג
אַרום מיט אַ באַקאַנטן, וואָס איז פּונקט אַקעגנגעקומען. אַן אַנ־
דער מאָל, ווען איגנאַצי איז שוין געשטאַנען לעבן פּראַגערן,
באַגריסט אים אַ שמייכלדיקער מיטן קאָפּ און מיט די הענט, איז
פּראַגער, נישט באַמערקנדיק איגנאַצי רובינען, אַרײַן אין אַ הויז
און דאָרטן פֿאַרשוואונדן. איגנאַצי איז דערפֿון געווען שרעקלעך
אויפֿגערעגט. ס׳איז אים אין לעבן געגאַנגען זיך צו באַפֿרײַנדן
מיט דעם דאָזיקן שטאַרקן מענטש. פּראַגער צוזאַמען מיט זײַן
פֿרוי צעציליאַ האָבן אינמיטן העלן טאָג אין שאַנכײַ, צווישן
אַזויפֿיל פּוילישע יידן מלחמה־פּליטים, זיך אָפּגעשמדט אין דער
קאַטוילישער קירכע. דער דאָזיקער פֿאַקט האָט אויפֿגערודערט
די פּוילישע יידן, וואָס צוזאַמען זײַנען זיי, אין דער ריזיקער
שטאָט שאַנכײַ, געווען ווי אַ קליין יידיש שטעטל אין פּוילן אין
די גוטע צײַטן. גרויס צאָרן און פֿאַרדרוס האָט דאָס אַרויסגע־
רופֿן, מייסטנס דערפֿאַר, וואָס גראָד, ווען יידן אין פּוילן לעבן
איבער דעם גרעסטן גיהנום אין זייער געשיכטע, דערלויבט זיך
אַזאַ פּאַרשוין אָפּצוטאָן אַזאַ זאַך, ווי ער וואָלט דערמיט זיך
עפֿנטלעך רעקלאַמירט: „איך געהער זיך גאָרנישט אָן מיט די

יידן"... אויף איגנאצי רובינען האט אבער פראגערס טאט גע־מאכט א גוואלדיקן איינדרוק ווי פון א מענטשן מיט א שטארקן כאראקטער. ער האט פראגערן מקנא געווען. ער האט זיך געפילט קליין קעגן פראגערן. ער האט דעריבער געחלשט מיט אים זיך צו באפריינדן כדי מיט זיין הילף לייכטער איבערקומען דעם שטורם.

יעדן טאג זיינען דערגאנגען קיין שאנכיי וואס מער פינצ־טערע ידיעות וועגן גורל פון די יידן אין פוילן. די אנגעלאפענע יידן אין שאנכיי, די פאריאגטע און פארוואגלטע, זיינען ארומ־געגאנגען מיט פארוואונדעטע הערצער און פארצאגטע פנימער. זיי זיי האבן אויך געפילט, ווי טייל באשעפענישן, דאס אנקומען פון א געוויטער. זיי האבן געפילט דאס אנקומען פון פינצטערע וואלקנס איבער זייערע קעפ אויך דא אין שאנכיי. שוין צו אפט האבן זיך באוויזן אין די יאפאנישע צייטונגען, אין כינעזישער און ענגלישער שפראך, גיפטיקע שורות קעגן יידן פון אייראפע אויפן ווייטן מזרח. נישט מער און נישט ווייניקער, אז די יידן גרייטן זיך צו פארכאפן אזיע... אז די יידן זיינען די שולדי־קע אין די אויפגעשרויפטע פרייזן אויף די פראדוקטן און אזוי ווייטער. די שורות האבן געטריפט מים סם. מע האט צוליב דעם זיך געקאנט ריכטן אויפן ערגסטן בייז, דאס זעלבע, וואס אין פוילן.

איגנאצי רובין האט באצייטנס געוואלט זיך ראטעווען פון שלעכטס, וואס וועט קומען. ער איז שטענדיק געווען אויפגע־רעגט. עס איז אים די מינוט צו לאנג געווען. ס'ווערט צו שפעט. אויפגערעגט איז ער אויך געווען דערפאר, וואס ער איז זיכער געווען, אז זיין העלענא, ווי נאר זי וועט זיך דערוויסן, וואס ער גייט טאן, וועט זי אים דערפאר מאכן א וויסטן סקאנ־דאל. העלענא איז אין שאנכיי געווארן יידישער ווי אין ווארשע. ס'טרעפט אז העלענא צעוויינט זיך פלוצלונג אויפן גורל פון יידן.

יעדער ייד איז איר היינט טייערער ווי ביז דער מלחמה. ער איז א גאנצן טאג ארומגעלאפן ווי א משוגענער. דא אין גאס טרעפן פראגערן און דא צו העלענאן, זיך מיט איר דורכריידן. גאנץ כיטרע האט ער איר איינגעשמועסט, אז ער האט זיך באפריינ־דעט מיט די פראגערס, זיי צוגעזאגט צוזאמען מיט העלענאן זיי צו באזוכן וועגן זייער א וויכטיק געשעפט... העלענא האט דערויף זיך געקרומט. זי האט וועגן זיי געהאט א שלעכטע פארשטעלונג. ער האט אבער אזוי לאנג גערעדט ביז זי האט ענדלעך מסכים געווען.

איגנאצי רובין איז געווען א זון פון ווארשעווער יידישן גביר. ווי א רייכער ייד האט פייוועלע רובין, זיין פאטער, אין ווארשע געשפילט די ערשטע פידל. ער האט פארמאגט הייזער וועלדער, מילן און ברויערייען און א חוץ רייכקייט, איז ער גע־ווען דער אנגעזעענסטער דאזאר. אן זיין אונטערשריפט האט די ווארשעווער גמינע גארנישט געקאנט טאן. אז פייוועלע רובין האט זיך באוויזן אין דער גמינע, האבן אים באלאגערט די בא־אמטע מיט פאפירלעך אין די הענט, ער זאל לייגן אויף זיי זיין חתימה. פייוועלע רובין איז אויך געווען א שטארקע האנט אי־בער די אדמיניסטראטארן פון זיינע הייזער, וועלדער, מילן און ברויערייען. ער האט זיי נישט געגלויבט. ער האט געהאלטן אין איין צונעמען נייע אדמיניסטראטארן און ארויסווארפן די אלטע. ער איז געווען א גזלן איבער זיינע לאקאטארן, ער האט אלץ געטאן צו האבן אויף זיי א בייטש. די שוואכסטע געלעגנהייט האט ער אויסגענוצט און ארויסגעקראגן אויף זיי אן עקסמיסיע־אורטייל. עס האט שטענדיק געשוועבט איבער די קעפ פון זיינע לאקאטארן די מורא ארויסגעווארפן צו ווערן פון די דירות. ער איז געווען אן אכזר קעגן זיין ווייב. נישט נאר האט זי נישט געהאט ביי אים קיין דעה, נאר זי האט מורא געהאט פאר זיינס

א ווארט, ער זאל אויף איר נישט ארויספארן מיט אזא שפראך אז זי זאל פארגעסן ווו עס איז די טיר. קעגן זיין יצחקלען אבער איז פייוועלע רובין דער גביר, דאזאר און שטארקע האנט געווען שוואך ווי א קינד. וואס לאזט מיט זיך טאן, וואס מען וויל. שוין צו 18 יאר, א שלאנק בחורל מיט שארפע אויגן, וואס האט געקוקט מיט חוצפה און זיכערקייט. האט יצחקל געטאן אלץ, וואס זיין הארץ האט נאר פארלאנגט. דער פאטער האט אים גע-געבן געלט, נישט באגרענצט. נעם, יצחקל, וויפיל דו דארפסט. דער פאטער האט אים אליין געגעבן און יצחקל האט אליין גע-נומען. יצחקל האט געלעבט אן חשבון, ער איז געשווומען אין גן-עדן אויף דער וועלט. ער האט זיינע נעכט פארברענגט מיט מיידלעך פון אלע שיכטן און כאראקטערן און אויסגעגעבן אויף זיי גרויסע סומען, אנגעזעענע יידן, פייוועלע רובינס פריינט, האבן שוין נישט געקענט דולדן אזא פירונג. האבן זיי אים, פייוולען, פארזיכטיק וועגן דעם געגעבן אנצוהערן, אבער פייווע-לע האט געטאן אויף זיי אזא הייסן בליק, וואס האט זיי שיער נישט פארברענט. עס האט אפילו אויף אים נישט געווירקט, וואס יידישע מיילער טראגן אים לעצטנס ארום צוליב זייז יצחקל. אין אלע יידישע שטובן האט מען דערציילט, טייל מיט פארדרוס און טייל מיט שאדנפרייד, אז פייוועלע רובינס זון האט אומ-גליקלעך געמאכט א יידיש מיידל פון א פיינער משפחה, אז פיי-וועלע רובין האט דעם מיידלס פאטער ארויסגעווארפן פון אלע זיינע צימערן פאר זיינע ווילדע פרעטענזיעס, אז פייוועלע האט זיך אפגעזאגט צו קומען אין בית-דין צו א דין-תורה. ער האט זיך צוליב דעם אלעמען נישט גענומען צום הארצן און ער האט זיין יצחקל דערפאר נישט אויסגערעדט. יצחקל האט זיך ענדלעך בארויקט. ער האט זיך פארליבט אין א מיידל, א טאכטער פון פעלדשער, פון די קריסטלעכע גאסן און האט זיך געגרייט מיט איר חתונה צו האבן.

העלענא, דעם פעלדשערס טאכטער, האט אינגאנצן אויס-געזען ווי א טיפיש פויליש-קריסטלעך מיידל. בלאנדע האר, א בלאנד געזיכט, אפילו די ברעמען בלאנד און גערעדט אויסשליס-לעך פויליש. דאס האט יצחקלען אימפאנירט.

זינט דער געשיכטע מיטן סקאנדאל צוליבן אפגענארטן מיידל האט יצחקל ביי זיך אין הארצן וואס א טאג אלץ מער זיך דערווייטערט פון יידן. ער האט גאנצע טעג פארברענגט ביי זיין כלה, אין די קריסטלעכע גאסן און איז אהיים געקומען שפעט אין דער נאכט.

איינמאל, ביים מיטאג-עסן, האט יצחקל געמאלדן זיינע עלטערן וועגן זיין חתונה אין א פאר טעג ארום. נישט דער פאטער און נישט די מוטער האבן מיט קיין ווארט זיך נישט אנגערופן. די מוטער האט מורא געהאט פאר איר מאן, ווי א דינסט פאר איר בייזן באלעבאס, און דער פאטער, ווי זיין פירונג ביז היינט, האט זיין יצחקלען גאר נישט געזאגט, איבע-ריקנס, וואס איז דאס געפאר? זיין יצחקל איז מיט פרנסה פאר-זארגט און אויב דאס ווייב וועט אים נישט געפעלן ווערן וועט ער נעמען א צווייטע...

פייוועלע רובין איז מיט זיין ווייב אראפגעקומען צום פעלדשער אין די קריסטלעכע גאסן צו דער חופה פון זייער יצחקל. פייוועלע האט קיין איבעריק ווארט נישט גערעדט, נישט מיט די מחותנים און נישט מיט דער כלה, אט אזוי פאר יוצא-וועגן:

— מזל טוב, מחותנים!

— מזל טוב, כלה!

דער כלהס פאטער, א נידעריק, דיק מענטשל האט פון פרייד געריבן א האנט אין א האנט, וואס זיין העלענא האט חתונה מיט א רייכן זון, און פייוועלע רובין האט אויך ארויס-

געוויזן א ביסעלע פרייד, וואס יצחקל העננט זיך שוין אן א עולי אויף זיין האלדז...

יצחקל איז שוין מער נישט געקומען אין די יידישע גאסן... ער האט געדונגען א דירה פאר זיך מיט זיין העלענאן אין די קריסטלעכע גאסן. דא האט ער זיך שוין נישט גערופן יצחקל נאר איגנאצי. און אז עס האט געטראפן, אז א באקאנטער ייד איז אים אקעגנגעקומען מיט א היימישן „גוט מארגן", האט ער נישט געזען און נישט געהערט...

צוויי יאר האט איגנאצי און זיין פרוי העלענא זיך ארומגעוואלגערט אין נויט איבער וועגן און אין צוגן. איינזאמקייט און שרעק האבן זיך איינגעגעסן אין זייערע ביינער. זיי האבן זיך געשראקן פאר יעדן מענטש, וואס איז זיי געקומען אין די אויגן. אין יעדן מענטש האבן זיי געזען זייער מערדער. צוויי יאר זיך אזוי געוואלגערט ביז זיי זיינען אויסגעמאטערטע, הונגעריקע אנגעקומען אין שאנכיי.

שאנכיי איז גרויס. מיליאנען כינעזער פלייצן איבער די שמאלע גאסן, אבער א גרויסע וואנט גרענעצט אפ איגנאצין און העלענאן פון די דאזיקע גרויסע מאסן כינעזער. וואס האט ער זיי צו זאגן, וואס האט ער פון זיי צו פארלאנגען? אין געסל, וו זיי האבן זיך אפגעשטעלט, פארנומען דארט א נידעריק, קליין צימער מיט פארקראטעוועטע פענצטער ווי אין א תפיסה, אט אין דעם געסל האט איגנאצי דערזען יידן און וואס פארא יידן. רבנים מיט ווייכע פליושענע קאפעלושן, יונגעלייט מיט ספרים אין די הענט זיינען בהייטלעך געגאנגען אין מיטן גאס, שמועסנדיק צווישן זיך מיט ברען. איגנאצי האט זיך דערפילט ווי ער וואלט זיך געפונען אויף דער גזשיבאווסקע גאס אין ווארשע, וו עס האט זיך אזוי געטומלט וועגן זיין פארפירט מיידל און וועגן

די סקאנדאלן פון מיידלס פאטער. העלענא, דאגעגן, האט ווי א קינד זיך דערפרייט, דערזעענדיק די דאזיקע יידן, ווי זי וואלט איצט געזען א קליין שטעטלע אין פוילן, פון די גוטע צייטן. זי האט מיט פארגעניגן נאכגעקוקט די יונגעלייט מיט די ספרים אין די הענט. און אט איז צו איגנאצין צוגעלאפן א יונגערמאן מיט א שווארץ בערדל און ארונטערגעבויגענע פאות איבער די אויערן.

— שלום עליכם, יצחקל!

איגנאצים פנים איז רויט געווארן, ווי ער וואלט דא פאר־שעמט געווארן אין מיטן גאס. איגנאצי אבער האט שוין נישט געקאנט ארויס פון די יונגעלייט מיט די גמרות אין די הענט און דער יונגערמאן מיטן שווארצן בערדל און ארונטערגעבויגענע פאות האט זיך צעזונגען פאר זיינע חברים ווער עס איז דער יצחקל.

— דער זון פון ווארשעווער דאזאר, פייוועלע רובין.

די יוגגעלייט האבן באטראכט יצחקלען פון אויבן ביז אראפ, געקוקט אויף אים און אויף זיין ווייב, וואס זעט אויס ווי א קריסטין. זיי האבן געדרייט מיט די קעפ: אזוי... אזוי... פיי־וועלעס זון...

דער יונגערמאן, לייבעלע ווארשעווער האט יצחקלען גאר נישט אפגעלאזן:

— ווי גייט עס, יצחקל? ווען געקומען? און וווּ וווינט יצחקל?

איגנאצי האט זיך אוועקגעדרייט, אבער העלענא האט זיי נאכגעקוקט מיט פרייד, ווי עפעס א טרייסט אין איר עלנטקייט.

אריבערטרעטנדיק די שוועל פון פראגערס וווינונג זיינען ביידע פראגערס, הערמאן און צעציליא זיי אקעגנגעקומען. ביידע האבן מיט פרעגנדיקע בליקן באטראכט די אומבאקאנטע געסט.

העלענא האט דאס גלייך באמערקט, האט זי ווי א פרעמדע, נישט פארבעטענע, זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער וואנט, ווי זי וואלט געזוכט די טיר. איגנאצי האט זיך נידעריק געבויגן פאר די פראגערס און צוגעלאכט פון פריינדלעכקייט. דאס געלעכטערל האט געדארפט זיין א סגולה צוציען צו זיך פראגערן.

ביידע מענער האבן זיך געזעצט ביים טיש און צעצילא האט פארבעטן העלענאן צו זיך צו דער סאפע. העלענאן האט א שלאג געטאן אין אירע אויגן די הייליקע קריסטלעכע בילדער אויף דער וואנט. ביידע ווייבער האבן זיך אונטערגעהאלטן. צעצילא האט אויסגעדריקט איר אנטציקונג פון העלענאס אויסזען, ווי א קינד פון א עכטער קריסטלעכער פאמיליע. העלענא האט געגעבן צו וויסן איר מאן מיט א דרוק פון איר פוס אן זיינעם, אז זי באשטייט שוין א היים צו גיין. מיט כעס האט איגנאצי אויסגעדרייט צו איר זיין צעפלאמט פנים, ווי ער וואלט איר דערמיט שטרענג געגעבן אנצוהערן, זי זאל אים איצט צורו לאזן. ביידע מענער, הערמאן און איגנאצי רובין האבן גערעדט צווישן זיך זייער פארטיפט. הערמאן האט איגנאצין געגעבן די גייטיקע אינפארמאציעס צום שמד. איגנאצי רובין דארף פריער זיך דורכשמועסן מיטן פאטער פיאטראווסקי, זייער א ליבער מענטש, אבער זייער א שטרענגער. אים גייט נאר, אז דאס טויפן-זיך זאל פארקומען פון ריינע כוונות...

ווארפנדיק פון איין האנט אין דער אנדערער א שנור פאטשערקעס ווי א קלויסטער-שוועסטער, האט צעצילא העלענאן דערציילט זייער פיל וועגן דער קאטוילישער מיסיע, וואס פאר א ליבע מענטשן זיי זיינען צו איר...

העלענא האט מיט אמאל עפעס זיך דערפילט נישט גוט, איר קערפער האט זיך געטרייסלט פון קעלט און זי איז אין אנמאכט געפאלן אויף דער סאפע. די פראגערס און איגנאצי האבן מיט שטילע אכצן געשפרונגען ארום איר, איינגעריבן אירע

שלייפן און דעם פולס, געשפריצט אויף איר וואסער און געגעבן איר אראפצושלינגען עטלעכע טראפנס וואלעריאן.

אויפן וועג אהיים איז העלענא, אן אפגעשוואכטע, געגאנגען פאמעלעך, געצויגן אין זיך אריין פרישע, קילע לופט. שפעטער אין מיטן נאכט, האט זי, העלענא זיך פלוצלונג אויפגעכאפט א גוואלדיק צעשראקענע. זי האט איצט אין חלום געזען אירע על-טערן אין וואס סארא לאגע און זי האט זיך ספאזמאטיש פאנאנ-דערגעוויינט...

די פאריאגטע און פארוואגלטע יידן אין שאנכיי האבן ריכטיק געפילט אין דער לופט, אז עס קומט אויף זיי א בייז געוויטער. אלע יידן, פאריאגטע דורך די דייטשן, וואס האבן זיך געראטעוועט אין שאנכיי מוזן פארלאזן זייערע דירות און זיך אריבערטראגן אין דער אפגעברענטער, חרוב'ער, הינטער-שטאט-געטא. פינצטער איז געווען אין די יידישע שטובן. מען האט זיך געריכט אויפן ערגסטן. בסוד-סודות האט מען דערציילט ווי וועגן א זיכערע זאך, אז די נאציס אין שאנכיי שטויסן די יאפאנער נאכצוטאן זייער ביישפיל אין אייראפע. א שותף דארף זיין א גאנצער שותף, אז די יאפאנער טראכטן איצט וועגן דעם גאנץ ערנסט, אבער דערווייל זאל זיין געטא.

די כינעזער פון די געטא-געסלעך האבן פארבליפטע זיך צוגעקוקט צום געלויף פון די ווייסע מיט זייערע בעבעכעס אויף די וועגעלעך. אויסגעריבענע דעקעס, צעבראכענע קעסטלעך, געשפאלטענע טישן מיט פארבאנדאזשירטע שטולן האבן כעסדיק און פארדראסיק זיך געווארפן אויף די שנעל-לויפנדיקע וועגע-לעך. מען האט מורא געהאט, חלילה, נישט צו בלייבן אין געטא אן קאפ-געלעגער. שנעל, שנעל זיך אריינגעכאפט אין פייכטע צימערן אן פאדלאגעס, וואס האבן אויסגעזען ווי צעקאפעטע גריבער.

איגנאצי איז ווי א משוגענער ארומגעלאפן איבער גאסן און געסלעך זיך צו טרעפן מיט הערמאן פראגערן, הערן פון אים, וואס ער האט צו טאן אין דער לעצטער מינוט. געטראפן האט ער אויפן וועג ביידע פראגערס נאכגיין א וועגעלע מיט זייער ארעמקייט. די דריי מענטשן האבן אויסגעדרייט זייערע קעפ אין אנדערע זייטן...

דער געטא איז געווען פארשפארט מיט פאליצייאישע וואכן, דער יאפאנער גאיא, דער קליינער נפש מיט די קרומע אויגן און נידעריקע, שווארצע, געקרייזלטע האר, ווי א שווארצע שעפסן-פעל, איז ארומגעלאפן איבער די גרענעץ-פונקטן נאכזען ווי עס ארבעטן זיינע באצאלטע כינעזער און „פרייוויליקע" יידן, די שומרים פון קייזערלעך-יאפאנישן געזעץ... עס האט געסאפעט ווי א צערייצטער הונט, דער יאפאנער גאיא און פארן חשד באר, אז דער ייד האט שלעכט געהיטן זיין געטא, האט ער, גאיא, מיטן גאנצן פארמעסט פון זיין פויסט פארפארן איבערן פנים, ארויפגעזעצט זיך אויף זיין רייט-וועגל און ווייטער געפארן.

דער יאפאנער גאיא איז ווי פון באהעלטעניש ארויסגעשפרונגען פון גאס צו גאס אויסער דעם געטא, געכאפט ווייסע ווי גוט געפאנג. אפגעקליבן, אפגעטיילט, די געפאנגענע יידן אפגעפירט אין זיין געטא-אמט. דארטן, האט ער, גאיא אליין, מיט ווילדער הנאה זיך געווארפן אויף זיינע געפאנגענע יידן מיט הענט און פיס. דערנאך האט ער זיי אפגעשיקט אין דער פאליצי-קאמער אויף ברויט מיט וואסער און אויף... לייז, וואס האבן זיך איינגעגעסן אין מענטשלעכן לייב און דארטן ארייגעפיקט טיפוס-מיקראבן. פון דארטן האט מען די קראנקע אפגעשיקט אין שפיטאל. נישט יעדער קאן אבער אויסהאלטן דאס פייער פון טיפוס, האט מען פון דארטן די געשטארבענע אפגעשיקט אויפן בית-עלמין אין דער אייביקייט אריין.

לאנגע, געדאפלטע רייען מיט מענטשן זיינען אין קאנוואל-סיווער ציטערניש געשטאנען פארן געטא-אמט, ארויסצובעטן ביי גאיאן א דערלויבעניש ארויסצוגיין אין שטאט צו פארדינען עס-לעכע שאנציייער דאלער. ווי מען זאל נישט ריידן צו אים, צו גאיאן, הויך צי שטיל, שנעל צי פאמעלעך, ווי מען זאל נישט שטיין, צו-נאענט אדער צו-ווייט, גלייך אדער קרום, האט זיך גאיאס גראבע ליפ אנגעבלאזן און ער האט געווארפן זיינע פויסטן אויף אלע זייטן. שרייען האט נאך פארערגערט. ער האט דערפון געכיכעט, גאיא, פון סאדיסטישן פארגעניגן, געכיכעט און געשלאגן. ער האט געזאטן ווי א צערייצטע חיה פון גליק, האבנ-דיק אין די הענט דעם ווייטן און דעם ייד.

די לאנגע, געדאפלטע רייען זיינען זיך צעפלויגן. פאר-פאלן, וועט מען הונגערן אין דעם געטא.

דער הונגער אין געטא האט זיך געשטארקט. די פרייזן אויף פראדוקטן זיינען געשפרונגען ווי קוועקזילבער אין טערמא-מעטער. א אונץ פעטס איז געווען א חלום. דאס שטיקל ברויט האט געררייצט, עס איינצעשלינגען מיט אמאל, קלעפיקע קראנק-הייטן האבן זיך ארייגעריסן אין די צימערלעך פון די פאר-וואגלטע יידן, אומבאקאנטע אזיאטישע קראנקייטן און אלט-בא-קאנטער טיפוס האבן געריסן שטיקער פון משפחות. דער בית-עלמין איז געווארן ענג, האט מען די נייע מתים דעריבער גע-שטופט אויף די זייטן פון די אלטע תושבים. שאטנס אויסגע-צערטע האבן זיך ארומגעדרייט אין די געסלעך פון געטא. אויגן גליענדיקע, ברענענדיקע צינגער און פארדארטע ליפן. מען האט געביטערט, געשאלטן די גאנצע וועלט. עס איז נישט געווען צו וועמען צו ריידן, צו שרייען. דאס געשריי האט געהאט דעם זעלבן טעם ווי דאס געשריי אין וואלד.

די גליקלעכע יידן אויסער דעם געטא, די אלטע שאנצייער איינוווינער, האבן געהאט די מעלה, וואס היטלער האט זיי נישט

געיאגט. זיי האבן אויך געהאט די גרויסע מעלה, וואס זיי האבן געלט געגעבן אן א סך געלט. אט-די גליקלעכע האבן מורא גע־האט אריינצושמעקן אין געטא, עס זאל זיי נישט פארגיין דער אפעטיט צום שאנכייער לעבן...

מען איז געלאפן צום „דזשאינט", געביטערט פארן די־רעקטאר, דעם שטייפן דייטשישן עמיגראנט, אז מען וועט אויס־גיין פון הונגער, אויב ער וועט נישט פארגרעסערן די שטיצע. דער שטייפער דייטשישער עמיגראנט האט געהאלטן זיינע אויגן אויף דער פיפע און ער האט צו דער פיפע גערעדט: נישטא קיין געלט, נישטא. גענוג גערעדט.

לויות, לויות מיט שווארצע ארונס האבן זיך געצויגן און פארשפרייט מיט זיך געדריקטן אומעט איבער דעם געטא.

וואס שטארקער דער הונגער, וואס בייזער די עפידעמישע קראנקייטן אלץ פארעקשנטער האבן די רבנים און די ישיבה־בחורים אין געטא געלערנט גמרא מיט מפרשים. זיי האבן נישט געוואלט וויסן, וואס עס טוט זיך אין דרויסן פון זייער וועלט. זיי האבן זיך מער אפגעשלאסן און מער פארטיפט אין לערנען. כדי זיך קעגנשטעלן די אלע בייזע רוחות פון דרויסן האבן זיי געלערנט די גמרא מיט געזאנג. זיי, די רבנים און די ישיבה־בחורים אין געטא האבן נישט פארלוירן זייער מוט. זייער קול התורה איז טאקע דערהערט געווארן אין אלע ווינקעלעך פון דער וועלט און אויפגערודערט יידישע הערצער און געלט איז פאר זיי אנגעקומען פון אלע יידישע קבוצים אויף דער גארער וועלט. דאס האט נאך מער פארשטארקט זייער בטחון און זייער חשק צום לערנען. צו להכעיס דעם ביטערן מזל האבן זיי, די רבנים און די ישיבה-בחורים, געשיינט ווי פרינצן. עס איז ביי זיי גע־ווען קול - תורה און קול - שמחה צוזאמען. זייערע וואכנדיקע

מאלצייטן האבן אויסגעזען ווי סעודות-מצווה אמאל, אין די גוטע צייטן. פריילעך, יום-טובדיק, אויסגעפולטע פנימער און לוסטיקע געמיטער.

האלב-קראנקע מענטשן האבן זיך געדרייט פאר זייערע פענצטער, ווי ארעמע, נישט געבעטענע קרובים. מען האט גע-צויגן מיט די נעזער, געשלונגען מיט די אויגן, מען איז געשטא-נען אויף דער שוועל פון דער ישיבה, נישט דערוועגט זיך ווייטער צו גיין. וואס זיינען מיר און ווער זיינען מיר? די ישיבה איז איבערגעפאקט געווען מיט ישיבה-בחורים און רבנים מיט ווייכע, פליושענע קאפעלושן און געסט, פרומע יידן און פרומע ווייבער. יונגעלייט און ווייבער האבן געטיילט דעם עולם גלעז-לעך בראנפן און ברוינעם קיכן. עס איז היינט א באזונדערע שמחה אין דער ישיבה, מען האט פארענדיקט איין מסכתא און אנגעהויבן א צווייטע. עולם האט זיך משמח געווען טרינקנדיק און טאנצנדיק. מ׳האט געטאנצט אין א ראד און געזונגען. די שוועל-יידן האבן נישט געהאט דעם מוט נעענטער זיך ארייננצו-רוקן אין דער ישיבה, זיי זיינען דא נישט קיין מחותנים. יונגע-לייט, בגלופנדיקע און צעזונגענע האבן אבער די יידן פון א גאנץ יאר, וואס שטייען פונווייטנס, ארייגעצויגן אין דער מיט, כאטש נישט געלערנט, זיי מכבד געווען מיט בראנפן און קוכן, זאלן זיי זיך פרייען מיט אונזער שמחה. דער טאנץ האט זיך אויסגעברייטערט ארייגענומען אלע אין ראד.

יצחקלען! — האט הויך זיך צעזונגען לייבעלע ווארשע-ווער. א יונגער ישיבה-בחור מיט א שווארץ בערדל און ארי-בערגעבויגענע פאות — יצחקלען, פייוועלע רובינס זון, דעם ווארשעווער דזאזארס זון, אביסל משקה!

און אלע איגאיינעם האבן געטאנצט, תורה-יידן און שוועל-יידן. איגנאצי-יצחקל האט געשפרונגען איינער אליין אין מיטן ראד און געשריען: האפ, האפ! זיינע אויגן האבן געגליט, ווי עס

וואלט אין זיי געברענט א קראנקייטס-פייער. די ארבל פון זיין רעקל צעלעכערט, די הויזן צעצנויטעוועט און דאס פנים קרענק-לעך געל. עס איז אים אבער דאך גוט געווען. ער האט אין זיך איצט געפילט די גוטע ווארעמקייט. ער האט מיטגעלעבט זייער שמחה. ער האט זיך געפילט היימיש. ער איז פייוועלע רובינס זון.

די שוועל-יידן, די יידן פון א גאנץ יאר האבן זיך ארומ-געבלאנקעט אין די געטא-געסלעך אפגעלאזענע, אפגעריסענע, אויסגעזעען ווי פארגעסענע יתומים. איינער האט דעם אנדערן געגעסן, געפייניקט, געפרעגט ברענענדיקע קשיות: פארוואס? פארוואס קריגן מיר נישט קיין געלט? פארוואס הונגערן מיר? און נאך פארוואסן. מען האט פון זיך געקליבן דעלעגאטן, וואס זאלן פארשטעלן דאס ביטערניש פון הונגער פארן „דזשאינט" און פארן ראש-הישיבה, אפשר וועט ווער פון זיי הערן דאס געשריי פון געטא. אין דער דעלעגאציע האט מען אויך אריינ-גענומען איגנאצין. אלע האבן געוווסט די שרעקלעכע נויט פון איגנאצין, זיי האבן אויך געוווסט, אז זיין ווייב, העלענא, איז אפט קראנק, איידער זי קריגט זיך ארויס פון איין קרענק קומט באלד א צווייטע. די דעלעגאטן האבן אפגעהאלטן זייערע זיצונ-גען געהיים אין באהעלטענישן, די יאפאנער זאלן זיך נישט דערוויסן און זיי פארנעמען פאר א בונט קעגן די קייזערלעך-יאפאנישע געזעצן.

אין „דזשאינט" האבן די דעלעגאטן געטענהט צום די-רעקטאר, צום שטייפן דייטשישן עמיגראנט. דער דירעקטאר, דער שטייפער דייטשישער עמיגראנט, האט געקוקט צו זיין פיפע און געערדט צו זיין פיפע:

— ווידער דאס זעלבע. נישט דא קיין געלט, ניכט וואר?

די דעלעגאציע האט זיך גלייך אוועקגעלאזט צו דער

ישיבה. דער ראש-הישיבה מיט א ברייטע בארד און נידעריקן קאפעלוש האט די יידן געבעטן זיצן און דערווייל א טראכט געטאן וועגן זייער קומען. איגנאצי-יצחקל האט פארן ראש-הישיבה פארגעשטעלט די גרויסע נויט פון די פליטים אין געטא.

— מען דארף העלפן — האט ער גערעדט שטיל, אן כוח. די שטיצע פון „דזשאינט״ איז דאך גראשנס, איז וואס-זשע, ווער-זשע?

דער ראש-הישיבה האט לאנג געטראכט און שארף, דורכ-דרינגלעך געקוקט ווי א פארשער, צו די מענטשן.

— ליבע יידן — האט דער ראש-הישיבה ענדלעך גע-זאגט, זייט וויסן, אז מיר שטיצן נאר יידן, וואס זיצן און לער-נען תורה, יידן וואס קענען לערנען. אונזערע מענטשן, וואס גע-ניסן פון אונז שטיצע, נישט נאר, וואס זיי זיצן ביי גמרות, נאר זיי דאווענען אין שול מיט א מנין, פארשטאנען ? זיי דאווענען, זיי היטן אפ שבת, די ווייבער פון אונזערע מענטשן זיינען פרו-מע ווייבער... פארשטאנען? אז מען היט אפ יידישקייט, היט מען אפ דעם ייד...

איינער פון דער דעלעגאציע, דער הויכער ברייט-פלייצי-קער אברהם פארבער, וואס שטיקט זיך ביים ארויסריירן א יידיש ווארט, האט געפרווט עפעס זאגן, איגנאצי האט אים אבער נישט דערלאזט. ער, איגנאצי האט געשאקלט מיטן קאפ צום ראש-הישיבה, אז ער איז מסכים אויף זיינע גאלדענע רייד. דער ראש-הישיבה האט מיט זיינע ווייסע הענט געגלעט זיין בארד און ווייטער געזאגט, אז אייגנטלעך דארף ער נישט קיין דעלע-גאציעס, עס וועט געענוג זיין, אז יצחק וועט צו אים קומען יעדן פרייטאג אפנעמען פארן יעדן מענטש פון אייך א ביסל שטיצע, אבער געדענקט, יידן, מיינע ווערטער.

די דעלעגאטן האבן צוגעשאקלט מיט די קעפ, צוזאגנדיק: יא, יא, געדענקען...

איגנאצי-יצחקל איז גלייך אוועק צו זיין העלענאן, איר דערציילט, וואס ער האט אויפגעטאן. העלענא איז געלעגן אין בעט, עס האט זיך שוין ווידער צו איר צוגעטשעפעט א קרענק. זי האט, א שטראלנדיקע אויסגעהערט איר מאן און זי האט זיך פאנאנדערגעוויינט. די טרערן האבן גרינגער געמאכט איר הארץ, זי האט זיך מיט אמאל דערפילט געזונט.

איגנאצי-יצחקל האט איבערגענומען, ווי אן אנפירער, די גאנצע ארבעט. צונויפגעשטעלט א צעטל פון די נויט-באדערפנ-דיקע, וואס זענען ווערט צו געניסן פון ישיבה-געלטער... איגנאצי האט איצט פארווארפן זיין נאמען איגנאצי. ער האט דאך ווי אלע מענטשן א ריכטיקן נאמען, ער הייסט יצחק רובין. ער האט גע-בעטן זיינע מענטשן צו געדענקען וועגן דעם. פרייטאג ביי פריי-טאג איז יצחק רובין אוועק מיטן צעטל נויטבאדערפטיקע צום ראש-הישיבה און דער ראש-הישיבה האט ביים אויסצאלן דאס ביסל שטיצע-געלט פאר די נויטבאדערפטיקע יידן פון א גאנץ יאר געפרעגט יצחקן, ווי עס גייט... יצחק רובין האט גוט פאר-שטאנען וואס דער ראש-הישיבה מיינט דערמיט, האט ער אים פארזיכערט, אז עס גייט גוט און עס וועט זיין גוט...

רובין איז געווארן א נאמען צווישן די ארעמע, גרויע פליטים, ווי זיין פאטער פייוועלע רובין אין די גוטע צייטן אין ווארשע. מען איז אים נאכגעלאפן, זיך פאר אים געקלאגט און געבעטן. מען איז געקומען אין זיין דירהלע און נישט געטראפן יצחק רובינען, האט מען אראפגערעדט פון ביטערן הארץ פאר העלענאן. מען האט איר דערציילט אויסטערלישע מעשיות פון ארעמקייט און קראנקייט.

ביים אויסצאלן די פאר שאנכייער דאלער האט איגנאצי-יצחקל געדענקט וועגן וואס צו ריידן מיט די נויטבאדערפטיקע און ווי אזוי צו ריידן, צי געדענקען זיי אין ראש-הישיבהס

רייד? און צי זיי און זייערע ווייבער היטן דאס אפ?... ער האט אלע געהאט אין זיינע הענט.

איגנאצי-יצחקל האט זיך פארשאפן א טלית מיט תפילין און ער איז יעדן טאג געגאנגען אין שולכל דאווענען. ער האט גוט געקוקט, איגנאצי-יצחקל, ווער עס איז דא און ווער עס פעלט.

איגנאצי-יצחקל האט זיך אליין געשטעלט צום עמוד, ער געדענקט נאך גוט דאס דאווענען. ער האט געדאוונט פארן עמוד ווי אן אלטער בעל-תפילה, וואס ווייסט ווען זיך אפצושטעלן און ווען אנצוהויבן, ער האט געפרווט אין עטלעכע ערטער פון דאווענען זיין חזן מיט א ציקלדיקע נגינה, זיינע מענטשן האבן זיך געדרייט לעבן עמוד און געדאוונט הויך, דער ראש-הישיבה זאל זייער קול דערהערן... דערברייט-פלייציקער אברהם פארבער, וואס שטיקט זיך שטענדיק ביים ארויסריידן א יידישווארט און זעט אויס ווי א אוקראינער פויער, האט געמרוטשעט ווי א „שטומע צונג", איטשעלע מיטן בייזן פנים האט געהאלטן אין איין אויסרופן אויפן קול „אמן", מער האט ער נישט געקענט.

איגנאצי-יצחקל רובין איז צופרידן געווען מיט זיינע מענטשן און ער האט זיי צוגעזאגט צו בעטן ביים ראש-הישיבה אן הוספה.

גאיאס קאנצערט

דער קליינער יאפּאנער מיט די שמאלע, טונקעלע אויגן און קרום-בייניק פּנים האט זיך שטארק איבערגענומען מיט זיין אמט, וואס די קייזערלעך-מיליטערישע מאכט האט אים אנפאר-טרויט, צו זיין אין שאנכיי דער הויפּט אין געטא פאר די אנגע-לאפענע יידן פון איראפּע. ער האט דאס געהאלטן, דער קליי-נער יאפּאנער גאיא, פאר א מתנה און מסתמא פאר זיין שטארקן פּאטריאטיזם. דאס האט אים געשמייכלט. ער וועט ווייזן זיינע עלטסטע, אז זיי האבן זיך אין אים נישט גענארט, אז ער פאר-שטייט זייער ווינק. גאיא פארשטייט אויסגעצייכנט ווער עס זיי-נען די אנגעטריבענע יידן אין געטא. זיי זיינען געווען אין דייטשלאנד, אין עסטרייך און אין פּוילן פארשווערער קעגן היטלערן און זיי זיינען דאס אראפּגעקומען אהער, אויפן ווייטן מזרח צו טרייבן ווייטער די פארשווערונג קעגן יאפּאן. דא אבער וועט זיי נישט געלונגען. ער, גאיא, וועט זיי בינדן און זיי האלטן אין דער קלעם.

אונטערן טיר פון גאיאס רעזידענץ זיינען געשטאנען יידן אין ציטערניש. עס האט זיי געשראקן די ווילדע געשרייען פון גאיאן. זיי האבן מורא געהאט פאר דער חיה אין שטייג. מען דארף דאך אבער לעבן, מען מוז דאך גיין אין שטאט צו פאר-דינען אויף ברויט. גאיא האט געזאטן ווי א חיה ביים אנכאפּן מיט די ציינער דעם האלז פון קרבן: „... פארברעכער קעגן קיי-זער און פאלק. פארטיליקן דארף מען זיי . . .״ און פלוצלינג האבן בלינדערהייט זיינע בייניקע הענט זיך געווארפן איבערן

קאפ און פנים פון א ציטערדיקן, אייגגעקארטשעטן ייד. עס האט איצט גאיא געסאפעט פון דער שווערער אנשטרענגונג. זיין הייס יאפאניש בלוט האט זיך איצט געקילט, זיין קרום פנים האט קרענקלעך געשמייכלט פון די מאדנע פלעקן און גרימאסן אויפן פנים פון קרבן... יידן אונטערן טיר זייגען אוועקגעגאנגען, וועט מען נישט האבן צו עסן, וועט מען נישט גיין אין שטאט, אבי נישט צו זיין אין די לאפעס פון דער היה.

אן אויסנאם ביי גאיאן זיינען געווען די מוזיקאנטן, ווייל אויך גאיא איז געווען א מוזיקער. אט אזוי, ווען עס איז אים געווען שווער אויפן הארצן און מוראדיקע געדאנקען וועגן גורל פון זיין קייזער און זיין לאנד האבן זיך געפלאנטערט אין זיין קאפ, האט גאיא גענומען זיין פידל און מיט פארמאכטע אויגן און געקנייטשטן שטערן האט ער אזוי אפגעפידלט א האלבע שעה און עס איז אים דערפון גרינגער געווארן...

מוזיקאנטן זייגען אין געטא געווען יחסנים. זיי האבן שטענדיק געהאט רעכט און איבער אלע רייען מיט מענטשן אריינצוקומען גלייך צו גאיאן, דערלאנגען אים זייער געטא־פאס צום אפשטעמפלען, כדי זיי זאלן קאנען גיין אין שטאט פארדינען אויף ברויט. גאיא האט זיך מיט זיי געפרייט, אבער זייערע הערצער האבן געציטערט: ווער ווייסט צי די חיה וועט נישט אויפשפרונגען ...

אז גאיא האט זיך דערנענטערט צום פידלער וואלטער לעמאן האט וואלטער זיך אפגערוקט. אבער גאיא האט אים אנגעכאפט מיטביידע הענט און אים געטרייסלט: וואס שטייסטו נישט אויף אן ארט? קום אוונט אין מיין שטוב וועלן מיר ביידע — האט ער געחיזון מיט די הענט — שפילן פידל ... לעמאנען האט איצט גאיא אויסגעזען ווי א משוגענער, דער אויסגעדארטער

לעמאן מיט דער הויכער פלייצע און בלאסן פנים האט אינגאנצן געציטערט: אריינצוקריכן צו דער חיה אין איר שטייג אויף א גאנצן אוונט. ער האט מורא געהאט צו גיין און ער האט מורא געהאט נישט צו גיין. יעדער מינוט אן אנדערע דעה. ער איז שוין געווען גרייט צו מאכן זיך קראנק, אריינקריכן אין בעט און הוסטן. זיין ווייב און די שכנים און די חברים מוזיקאנטן האבן אים אבער געווארנט:

— וואלטער, וואלטער, ווערסט דאס אומגליק נישט אויס־מיידן, רייץ זיך נישט מיט גאיאן.

מיט א שווער הארץ האט וואלטער גענומען דעם פידל און זיך געזעגנט מיט דער פרוי, מיט זיינע שכנים און מיט די חברים מוזיקאנטן.

גאיא, דער הויפט פון געטא און וואלטער לעמאן, דער פאריאגטער אין געטא, האבן געפידלט אויף זייערע פידלען. גאיא מיט פארמאכטע אויגן און געקנייטשטן שטערן און וואל־טער א צעשראקענער מיט אפענע אויגן צו גאיאן און נאכן אפ־שפילן האט וואלטער זיך געמוזט זעצן אויף דער מאטע פונקט א קעגן גאיאן און ער האט געמוזט מיטעסן די אנגעפעפערטע און אנגעזאלצענע מאכלים און ער האט מורא געהאט צו שפייען...

דערפרייט האבן זיך דאס ווייב און די פריינט דערזעענדיק אים א גאנצן.

די מענטשן אין געטא, די בערלינער און ווינער זיינען געשפרונגען פון נחת: גאיא איז א צדיק. ס'איז ביז איצט נאר געווען אנשטעל. מען האט איצט צוגערעדט וואלטערן, ער זאל איינארדנען א פידל־קאנצערט אין גרעסטן זאל פון געטא מיטן אנטייל פון גאיאן... וואלטער האט זיך געלאזט צוריידן. ער האט מיטגענומען דערצו זיין חבר מוזיקאנט הארי זיידע און זיי ביידע זיינען אריין צו גאיאן. זייער פארשלאג האט גאיאן געשמייכלט. ער האט אבער לאנג געטראכט. זיין קרום טונקל פנים האט זיך

געפאלדעוועט, זיין שטערן האט זיך געקארטשעט, אנקוקנדיק די צווייַ פארברעכער, וואס זיינען אראפגעקומען אין שאנכיי אזש פון אייראפע מיט זייער געהיימער פארשווערונג קעגן קייזער ... לאנג געטראכט, ווידעראמאל זיך פארטראכט אויף די מענטשן און ער האט געלאכט, גאיא, ער איז מסכים ...

די געסלעך אין געטא זיינען געגאנגען אויף רעדלעך. מיט ליבער און פרייד האט מען זיך געגרייט צום קאנצערט, מקבל-פנים צו זיין גאיאן. די בערלינער און די ווינער האבן געריסן די פאלעס, מען זאל ביי זיי קויפן בילעטן צום קאנצערט. די פרויען האבן פריש אנדולירט זייערע האר, די מענער האבן אויסגעפרעסט זייערע אלטע אנצוגן און מיט בלומען אין די הענט איז מען אוועק צום גרעסטן זאל אין געטא. דער געדראנג ביים אריינגאנג אין זאל איז געווען א שטורמישער. דער געטא גייט אהער...

די מוזיקאנטן אויף דער עסטראדע האבן געפרוווט זייערע פידלען און געהאלטן אויג אויף גאיאן, ווער ווייסט צי די חיה וועט דא מיט א מאל נישט אויפשפרינגען... פון זאל זיינען געפלויגן בלומען, באגלייט מיט ווילדע קולות — — — מיסטער גאיא... קולות האבן זיך איבערגעשריען, גאיא זאל זיי הערן... גאיא, קוק מיך אן... איך האב דיר בלומען געווארפן... מען האט זיך געשטעלט אויף די שטילן, גאיא זאל בעסער זען, מארגן דארפן זיי זיין ביי אים:

„קוק אויף מיר, גאיא, האסטו בלומען פון מיר. מארגן זאלסטו זיין א גוטער... נישט שלאגן, נישט פאטשן, זיי א גוטער..."

דאס שפילן פון די פידלען איז געווארן געמישט מיט די ווילדע קולות פון פובליקום: „מיסטער גאיא"! און בלומען זיינען געפאלן צו גאיאס פיס און גאיא האט זיך געבויגן פאר זיינע אונטערטאנען.

אז דער פארהאנג האט זיך אראפגעלאזט איז דאס פובלי-

קום ארויס אויפן גאס צו באגריסן דעם מאעסטרא, אבער גאיאן ווייזט אויס האט די גאל זיך איבערגעקערט ווארן ער איז שנעל אנטלאפן און אין דער לופטן זיינען געבליבן הענגען די גאכגע-שיקטע ברכות . . .

גאיא האט נאך קיינמאל נישט געהאט אזא ביטערע נאכט אויפן געלעגער. פאר זיינע אויגן זיינען אויפגעקומען פנימער, פארברעכער, וועלט-אונטערצינדער און זיי מאכן פון אים חוזק. קייכן פון געלעכטער, שטעלן אים ארויס לאנגע צינגער... וואס האבן דען געקענט מענטשן וויסן? די מענטשן אין געטא זיינען די נאכט נאכן קאנצערט גוט געשלאפן. באלד אינדערפרי האבן זיי זיך געשטעלט אין דער ריי פאר גאיאס רעזידענץ אפצו-שטעמפלען זייערע געטא-פעסער צו קאנען גיין אין שטאט כדי פארדינען אויף ברויט. פון די טרעפ אבער פון גאיאס רעזידענץ זיינען מענטשן געפלויגן מיט דער נשמה אין די הענט, ווי עס וואלט זיי באפאלן א שרעקלעכע חיה. מענטשן מיט צעהאקטע פנימער, אוגטעגעשלאגענע אויגן און ארויסגעזעצטע ציין . . .

אלע בייזע חלומות, וואס האבן זיך אים געפלאנטערט אין דער ביטערער נאכט האט גאיא אינדערפרי אויסגעלאזן צו יידי-שע קעפ און פנימער, וואס זיינען אונטערגעקומען . . .

א חתונה

כאטש די וואנצעס שטארק גאוהדיק פארשפיצט און דער זעלנערישער קלאפ מיט די פיס האט דאך ראבערט שטיין געהאט א פנים פון א געפאלענעם מענטש. זיינע וואנצעס און דאס זעלנערישע קלאפן מיט די פיס פונקט ווי זיין בילד אויף דער וואנט — אן ערנסטער דייטשישער מיליטער-מאן זיינען געווען דאס איבערבלייבעכטס פון אמאל. אמאל האבן זיי געהאט עפעס א ווערט, היינט גארנישט. דערפאר האט ער עס געהאט אזא אומגליקלעך פנים. מען מעג עס אים פארשטיין. מיט איין יאר בסך-הכל פארן קריג האט ראבערט שטיין אין בערלין געהאט די איינרעדעניש, אז ער איז דער אייביקער בירגער פון דייטשלאנד און זיינע ארישע האנדלס-פריינט האבן אים נישט געגעבן קיינע אנטיסעמיטישע אנצוהערענישן. נעטע באציאונגען. ער האט דעריבער זיינע אויגן נישט געגלויבט דערזעענדיק די מעלדונגען פון דער פאליציי, ער און זיין פאמיליע זאלן אין פארלויף פון אכט טעג פארלאזן דייטשלאנד. זיין לויפן דעמאלט פון אמט צו אמט נאך אויפקלערונגען האט אים איבערצייגט, אז דא איז ליידער קיין טעות נישט. עס איז א בראך, ס'איז אן אומגליק.

אויפן גאנצן וועג בערלין-שאנכיי האט ראבערט שטיין זיך געשעמט פאר זיינע צוויי קינדער. קורט, א בחור פון א יאר פופצן, אן אמת דייטשישער יונג. הויך, בלאנד און שטאלץ, און עלזע, א יונגערע פון ברודער מיט צוויי יאר, זייער ענלעך צו אים, הויך-וווקסיק און בלאנד, נאר מיט איין אונטערשיד, וואס זי איז געווען סמוטנע און זיך געטוליעט צו דער מוטער.

ראבערט האט זיך פאר זיי געשעמט, ווי איינער, וואס האט זיין פריינט צוגערעדט צו א זאך, וואס האט אים געזאלט גליק ברענגען און צום סוף האט עס אים אריינגעפירט אין א גרויס אומגליק... ס'איז ראבערטן פארגעקומען, אז די צוויי קינדער זיינען נעביך איצט געוואר-געווארן, אז זיי זיינען יידן ... עס האט זיך אים וועגן דעם נישט געוואלט טראכטן, עס האט זיך אבער אליין געטראכט . . .

לכתחילה האט עס ראבערט שטיינען זיך געדוכט, אז ער וועט אין שאנכיי צו זיך קומען, עס וועט זיין גוט. ער האט גערעכנט, זיין פרוי און די קינדער פארזיכערט, אז דאס בייזע וועט אינגיכן פארביי און איבעריקנס דער קריג וועט שנעל זיך ענדיקן מיט א מפלה פון דער שווייגען-באנדע, ווי ער האט גערופן היטלערן מיט זיין קליקע און דעמאלט וועט מען צוריקפארן אין דער היימאט... עס האט זיך אבער אנדערש געוויקלט און זיך געוויקלט שלעכט, אז ראבערט האט זיך געוועט און זיך געשווירן, אז די שווייגען-באנדע וועט זיגן, אזא זיג, וואס נישט דעם קייזער און נישט הינדענבורגן האט זיך אזעלכעס געחלומט. דער עיקר, וואס דא אין שאנכיי האט זיך גאר שלעכט אויסגעוויקלט. די יאפאנער, די אקופאנטן פון שאנכיי גרייטן צו פאר די פריש-אנגעקומענע יידן פון אייראפע א געטא. דאס פינצטערע מזל שפרייזט נאך...

ראבערט האט געטאן וואס אלע. ער האט פארנומען זיין האק און פאק און אריין אין געטא. גרעטע און עלזע זענען מיט אים געגאנגען אבער אן קורטן. קורט, א יונג ווי א דאמב מיט א פאררויסן דייטש-גויאיש פנים און אויגן פון א רויב-פויגל האט געמאלדן זיינע עלטערן, אז ער נישט. ער וועט זיך נישט אריינלייגן אין א געטא. ווי אזוי וועט ער דאס מאכן? נישט געזאגט, ער וועט האבן אזא פאפיר.

ראבערט האט דאס געהאלטן פאר א סקאנדאל צו מאכן נישט-לעגאלע פאפירן, דאך האט ער זיך געשעמט פאר זיין זון, וואס איז מער בריה פון אים...

ראבערטס חלומות צו קומען צו זיך און מאכן געשעפט זיינען אין געטא צערינען. ראבערט שטיין, דער געוועזענער בער-לינער קויפמאן, דייטשישער מיליטער-מאן איז געגאנגען מיט א בלעכן קענדעלע צו דער קאזארמע-קיך, דארט איז עס געווארן אנגעפילט מיט פארשידענע צוזאמענגעקוועטשטע געקעכטסן.

— פורכטבאר — האט ראבערט ברוגזדיק געמרוקעט אהיימקומענדיק מיטן קענדעלע. גרעטע, אויפהויבנדיק דאס שטערצל און דערזעענדיק דעם שוידערלעכן גליוועך איז איר א חלשות פארגאנגען און זי האט געשימפט:

— דאנערוועטער...

קורט איז איינמאל אין וואך אראפגעקומען פון שטאט, גע-קומען א זיכערער און געברענגט פאר די עלטערן און עלזען א ביסל פרוכטן. קורט איז געווען שטאלץ מיט זיך, וואס ער איז אין געטא נישטא. האט פולע טאשן מיט געלט און העלפט די עלטערן און עלזען. ער האט זיי דערציילט וואונדערלעכע מעשיות וועגן זיינע גליקן און כאטש דער פאטער האט דאס נישט גע-קאנט הערן האט ער די עפל געגעסן ווי א הונגעריקער מענטש און אזוי די מוטער און אזוי עלזע. נאך אזא חלשות-מיטאג איז א ביסל פרוכטן א מחיה אין מויל און גוט פארן געזונט.

— פאבלהאפט — האבן זיי עסנדיק געלויבט דעם כבוד.

טאג ביי טאג גלייך נאכן פארענדיקן די הילפס-ארבעט פאר דער מוטער איז עלזע אריינגעגאנגען צו די ברוידעס, וואס

אין דער זעלבער ליין. דארט איז זי שוין געווען ביז שפעט אין אוונט. עס האט איר אהין געצויגן כאטש די ברוידעס זיינען פוילישע יידן און דער הער ברוידע איז „ראבינער”. זי האט זיך דארט געפילט, ווי זי וואלט מיט זיי געווען פון איין משפחה.

ביי די ברוידעס איז שטענדיק לעבעדיק געווען פון מענטשן, וואס זיינען צו זיי געקומען פון די רבנים-פליטים ביז די יינג-סטע ישיבה-בחורים און אלע האבן זיך דארט געפילט היימיש. מלכהלע, די פרוי ברוידע, האט מיט יעדן זיך אזוי געפרייט, ווי זי וואלט דאנקבאר געווען פארן אריינקומען. זי האט זיך נאך מער געפרייט, ווען מען האט איר עפעס אן ארבעט אריינגע-שלייערט. איר צוויי יאריק מענדעלע איז געווען א גוטע, ליכטי-קע נשמה. ער האט קיינמאל נישט געוויינט, נאר פארקערט, זיך שטענדיק אונטערגעזונגען. צו יעדן געגאנגען און ארומגעשפריינ-גען אויף אלעמענס הענט און אקסלען. צוליבן קליינעם מענדעלע איז עלזע געווארן אזוי היימיש מיט די ברוידעס. זי האט אים איינמאל דערזען אין דער ליין. דאס קינד האט צוגעצויגן עלזען מיט זיינע הענטעלעך. פרוי ברוידע האט זיך געפרייט מיט רא-בערט שטיינס בלאנד מיידל פאר איר נושא חן זיין ביי מענדע-לען. אזוי האט עלזע אנגעהויבן אריינצוקומען צו די ברוידעס. פון אנהויב געווען דארט נישט מער ווי איין שעה און וואס א טאג שפעטער איז זי דארט לענגער געווען. זי האט זיך דארט גוט געפילט. ס'האט זיך איר נישט געגלוסט אוועקצוגיין. זי האט געפילט א צוגעבונדנקייט נישט נאר צי מענדעלען, נאר אויך צו די ברוידעס און צו אלע מענטשן, וואס זי טרעפט דארט.

עס האט נישט געפועלט דעם פאטערס בייזערן-זיך, וואס זי קריכט צו די פוילישע בפרט צו א ראבינער און עס האט גאר נישט געהאלפן דער מאמעס אונטערקרעכצן:

— דאנערוועטער . . .

קורט האט אין שטאט דעם גאנצן טאג געמאכט האנדל-וואנדל. ווו עפעס א מסחר האט ער זיך מיט כוח צוגעטשעפעט, געווארן א שותף צום פארדינסט און געהאט פולע טאשן מיט געלט. געגעסן אין גרעסטע רעסטאראנען, געגעסן דאס בעסטע און דאס פעטסטע, אז עס האט געריגען איבער זיינע ליפן. און אין די פארנאכטן האט קורט גענומען דאס שכנישע כינעזישע מיידל לא-דזשען, זי אריינגעפירט אין א רעסטאראן, געהייסן איר דערלאנגען די טייערסטע עסנס און געטראנקען, וואס עס האט זיך איר קיינמאל נישט געחלומט. קורט האט איר קיין ליבע נישט דערקלערט, ער האט איר נישט געמאניעט מיט שיינע ווערטער. וואס פאר א ריידן האט דען געקאנט צווישן זיי זיין, ווען ער האט נישט געקאנט קיין כינעזיש און זי נישט קיין דייטש. ער האט איר אבער גענומען מיט זיין וווקסיקייט, א יונג ווי א דאמב, און מיט זיין הערשעררישן בליק. זי האט צו אים געקוקט מיט אירע גוטע, קינדערישע אויגן. די אויגן האבן אים געצערטלט, ווי זיי וואלטן וועלן איינעמען דעם ריזן-יונג. זי האט טאקע געווינען ביי קורטן פיל מילדקייט. ער האט אויף איר קיין געלט נישט געקארגט, זי זאל זיין שיין אנגעטאן און זי זאל האבן גוט עסן.

לא-דזשענס פאטער, דער ארעמער סטאלער, וואס אין דער ליין האט פון אינדערפרי ביז שפעט אין אוונט געשניטן ברעטער און זיי געהובלט און האט גארנישט אין זינען געהאט, אז ער האט א דערוואקסענע מיידל. ער האט גאר קיין אנונג נישט גע-האט ווי זיין לא-דזשען איז א גראציעזע מיידל און וואס פאר אן עלעגאנטן אויסזען זי האט און ער דארף איר דעריבער חתונה מאכן. געשניטן ברעטער און זיי געהובלט א גאנצן טאג ביז שפעט אין דער נאכט. אבער איינמאל האט דער ארעמער סטא-לער באמערקט א „נאקעניו" (א ווייסער, א אויסלענדער) זיך דרייען לעבן זיין מיידל, איז ער שיער נישט משוגע געווארן.

ער האט געהאט א שלעכטע מיינונג וועגן די „נאקעניוס״. ער איז א ווילדער אריינגעלאפן צו זיין ווייב. זי האט אבער גאר-נישט פארשטאנען, וואס ער פרעגט אזוינס. זי האט אים ווי א תם אנגעקוקט מיט אירע אויסגעלאשענע אויגן. האט ער זיך גע-נומען צו לא-דזשענען אליין, זי זאל אים דעם אמת זאגן. האט ער זיך טאקע ערשט דערוווסט, אז זי און דער קורט, וואס וווינט דא אין דער ליין, זיינען פארליבט, אז קורט איז א גוטער בחור. זי האט אים ליב און גענוג.

ביים עסן האט דער סטאלער פאר זיין ווייב אפגעפסקנט, אז די איינציקע זאך איז חתונה. זאל דער „נאקעניו״ חתונה האבן מיט לא-דזשענען וועט ער, דער סטאלער, דעמאלט רויק זיין. לא-דזשען האט דאס שפילנדיק און חנעוודיק איבערגעגעבן קורטן און קורט האט א צעשמייכלטער צוגעשאקלט מיטן קאפ, אז יא . . .

עלזע איז אן אייגענע ביי די ברוידעס. אפילו דער „רא-בינער״, מלך ברוידע, רעדט מיט איר ווי זי וואלט געווען זיינע א שוועסטער. דער קליינער מענדעלע א לאכנדיקער פלאנטערט זיינע הענטלעך אין אירע בלאנדע האר און מלכהלע, פרוי ברוי-דע, דערציילט איר זייער א סך וועגן איר היים, ביי די עלטערן, אין א קליין פויליש שטעטל. און די ישיבה-בחורים ריידן מיט עלזען פריי און מאמע-לשון, קוקן צו איר פריי ווי צו אן אייגן משפחה-מיידל. חיימקע איז זיך מחיה מיט איר צו טשעפען, זינגט ער אלעמאל ארויס, גלאט אזוי זיך : עלזע, עלזע . . .

חיימקע איז געווען פון די יינגערע ישיבה-בחורים מיט אן אויסזען, ווי ער וואלט נאר וואס אוועק פון דער מאמעס פארטוך. ער איז געווען אן עלעגאנטל ווי א יונג בחורל. עלעגאנט מיטן מאנטל אין קאפעלושל און בסך-הכל האט חיימקע גאנצע פיר

און צוואנציק יאר. און אז ער טשעפּעט איר, ווערט זי רויט ווי פייער, ווייל זי פילט, עלזע, אז חיימקע האט דערביי א מיין ...

קורט איז אראפּגעקומען צו די עלטערן מיט קיישלעך פּרוכטן און א חוץ דעם פאר יעדן באזונדער א מתנה. געלט ווייזט אויס, פעלט נישט קורטן. אז ער האט געזען ווי זיי פריי־ען זיך מיט די מתנות האט ער זיי א זאג געטאן, אז זיי דארפן זיך גרייטן צו זיין חתונה.

— וואס הייסט? האבן אלע דריי געשטוינט.

— איך האב א מיידל, לא־דזשען איז איר נאמען, א כי־נעזערין און מיט איר האב איך חתונה. ס'האט ראבערטן פאר־שטאכן אין הארץ: נישט געוויזן אים דאס מיידל און נישט גע־בעטן זיין הסכמה. און די הסכמה וואלט ער נישט געגעבן, ווייל קורט דארף חתונה האבן מיט אן אייראפּעאיש מיידל ... פון שטעכעניש האט ראבערט זיך שווער צעהוסט און דאס פּנים מיטן קארק רויט געווארן, ווי מיט בלוט אנגעגאסן, אז ער האט נישט געקאנט קיין ווארט ארויסריידן.

— שעמען קערסטו זיך, קורט — האט עלזע ארויסגעלייגט איר טענה צום ברודער. — שעמען קערסטו זיך, וואס דו האסט נישט חתונה מיט א יידיש מיידל... עס איז אן עבירה צו האבן א פרוי א נישט־יידישע. דו וועסט פון גיהנום נישט ארויס. . .

דער פאטער און די מוטער האבן איר, עלזען, מאדנע אנ־געקוקט, ווי זי וואלט געוועזן נישט מיט אלעמען. זיי האבן איר פלוצלינג נישט דערקענט.

ווען קורט איז ארויס פון שטוב מיט א קלאפּ מיט דער טיר האט איצט דער פאטער ארויסגערעדט:

— פּורכטבאר . . .

און די מוטער האט אויך צוגעגעבן:
— פורכטבאר...

מלך ברוידע האט א זאג געטאן צו מלכהלען, אז עס וואלט א מצווה געווען ארויסצוכאפן עלזען פון דייטשס שטוב און זי חתונה מאכן מיט אונזערס א היימישן בחור. מלכהלען איז דאס זייער געפעלן. זי האט עלזען געהאלטן פאר אן עלנטע.

צווישן די ישיבה-לייט זיינען געווען אזעלכע בחורים, וואס זיינען צוליבן תורה לערנען לאנג פארזעסן, נישט חתונה געהאט און זיינען איצט עלטערע יידן. חיימקע איז אבער פון די יונגע בחורים, בסך-הכל פיר און צוואנציק יאר און פון די יונגע בחורים איז חיימקע דער עלעגאנטסטער. ער האט ליב זיך צו פוצן. אויב יא א ישיבה-בחור ווילן טאטעס פון מיידלעך נאר א יונגן בחור און טאקע חיימקען. חיימקע איז באקאנט אין אלע יידישע שטובן... מלכהלע האט איינמאל אין א שפאס א פרעג געטאן:

— חיימקע, וועלכעס מיידל ווערסטו דאך נעמען?

— איך וועל אייך, מלכהלע, זאגן דעם אמת — האט חיימקע א פיעשטשענדיקער זיך אין איר אנפארטרויט — פון זיי אלע געפעלט מיר אמבעסטן אונזער עלזע... יא, עלזע...

מלכהלע האט פארביסן א ליפ. זי האט אבער וועגן דעם א סך געטראכט. שפעטער האט זי מיט איר מאן זיך דורכגעשמועסט. מלך ברוידען איז עס זייער געפעלן דער שידוך.

— איך מיין, דו זאלסטריידן מיט איר פאטער — האט מלכהלע געזאגט.

— איך קען אים נישט.

— ער קען אבער דיך.

— אויב אזוי זאלסטו ריידן מיט עלזען. איך מיין אזוי.

מלכהלע האט ארומגעכאפט עלזען מיט אירעביידע הענט, זי געדריקט צום הארצן. זי האט פאר איר א גוטע בשורה.

— וואס מלכהלע? — האט עלזע געפלאטערט.

— ווילסט הײמקען פאר א חתן?

עלזע איז געווארן בלאס און רויט. איין פארב אראפ, די צווייטע ארויף. טרערן האבן געבלינצלט אין אירע אויגן און זי האט פארווארפן איר בלאנדן קאפ אויף מלכהלעס מאמע-אקסלען און זיך פאנאנדערגעוויינט. וויפיל גליק אין איין מינוט.

נאך אין זעלבן טאג איז מלך ברוידע ארײנגעגאנגען צו עלזעס עלטערן, מיט א מצווה צעגערט מען נישט. ראבערט האט גלייך דערקענט עלזעס „ראבינער". ער האט ארויסגערוקט א שטול און געבעטן זיצן מיט א הויכן „ביטע שיין".

דער „ראבינער" ברוידע האט פארגעלייגט פאר ראבערטן געלאסן, פאמעלעך, כדי ער זאל לייכט פארשטיין זיין יידיש:

— עס איז דא א פיינער בחור, שטאמט פון א שיינע יידישע פאמיליע. עלזען קענען מיר אויך זייער גוט. מיר געפי-נען איין, איך און מיין פרוי, אז דאס איז א פאסיקער שידוך.

עס איז אים שווער אנגעקומען, ברוידען, אז עלזעס פאטער זאל פארשטיין זיין יידיש, אבער ענדלעך איבערגעקומען, גוט פארשטאנען.

— הער שטיין — האט מלך ברוידע ווייטער גערעדט — ווי א רעליגיעזער ייד וויל איך אייך זאגן, אז אין דער איצטי-קער צייט ווי עס איז מיט יידן דארף ביי אונז זיין וואס מער חתונות... נישט ריכטיק?

ברוידע און זיינע רייד האבן אויף עלזעס פאטער געמאכט א גוטן איינדרוק.

— אבער, הער ברוידע — האט ראבערט שטיין געפרעגט — וואס איז די באשעפטיקונג פון דעם יונגנמאן?

— ער איז אין דער ישיבה, האט ברוידע פשוט געענטפערט.

— וואס, א ישיבה-בחור?

— יא.

— מיינען זי הער ראבינער, אז מיין עלזע וועט צושטימיק זיין? זי קענען דאך עלזען.

— זיכער — האט ברוידע געענטפערט. מיין פרוי האט שוין מיט איר גערעדט.

— אזוי... האט ראבערט געשאקלט מיטן קאפ. ער איז אבער באלד ווייכער געווארן, נאר ער מוז פארויס זאגן:

— א חתונה, הער ראבינער, איז דאך מיט פיל קאסטן פארבונדן און איך...

— קיין זארג נישט — האט אים ברוידע בארויקט.

ראבערט האט די גאנצע צייט טאקע געהערט וועגן די „ישיבה-בחורים", אז זיי זיינען „רייכע לויטע"...

— ווי איז זיין נאמען?

— חיימקע, חיימקע גוטמאן.

— איך בעט אייך הער שטיין, קומט ארײַן צו מיר אין אוונט, וועט איר אליין זען חיימקען און מיר וועלן זיך דורכריידן.

נאך ברוידעס אוועקגיין האט ראבערט דערשפירט א טשאד אין קאפ: עלזע און א ישיבה-בחור...

— גרעטע, וואס זאגסט דו?

— און וואס זאגסט דו? האט זי צוריקגעפרעגט.

אין אוונט איז ראבערט שטיין אריינגעגאנגען צו די ברוידעס. זינט ער איז אין שאנכיי איז ער דאס ערשטע מאל פארבעטן צו מענטשן. דער טיש איז געווען באדעקט מיט א ווייסן טישטוך. טעלערס מיט פרוכטן און דעליקאטעסן זיינען געשטאנען אויפן טיש. דאס אלץ לכבוד אים... ראבערטס וואנצעס האבן איצט אויסגעזען ווייכערער, סענטימענטאלער. באלד ביים ערשטן בליק איז אים חיימקע געפעלן געווארן. א פיינער יונג.

— איר זענט ראבינער ? — האט ראבערט שטיין גע-פרעגט חיימקען.

— מיט דער צייט — האט זיך ברוידע אנגערופן.

— און וואס זאגט עלזע? ווו איז זי? זי איז דאך פאסט שטענדיק ביי אייך !

עלזע איז צוגעקומען צום פאטער ווי א דערוואקסענע פריילין, וואס ווייסט גוט, אז עס גייט איצט אין איר גורל.

— פאפא — האט עלזע געזאגט — דו מעגסט אנערקע-נען, יא, יא.

די ברוידעס און חיימקע האבן גוטמוטיק געשמייכלט אויף איר זאגן. אויך עלזע האט געשמייכלט, כאטש איר פנים האט זיך געמיניעט אין ווייס און רויט.

דעמאלט האט עלזעס פאטער, ראבערט שטיין, געדריקט חיימקעס האנט. ראבערט האט אויסגעזען ווי אין זיבעטן הימל. ברוידע האט אנגעגאסן גלעזלעך בראנפן און מען האט געטרונ-קען לחיים און זיך געווינטשן מזל-טוב !

חוץ דעם, וואס חיימקע האט אנגעשלאגן א מזוזה ביים מחותנס טיר האט ער באזארגט עלזען און אירע עלטערן מיט כשר עסן און פאר איינוועגס לייטישע מיטאגן. ער האט אויסגע-פועלט, אז זיי זאלן עסן אין דער קיך פון די רעליגיעזע יידן. א קיך, ווו דאס עסן איז כשר און אויך געשמאק. די עסערס זיצן ביי טישן און קעלנער דערלאנגען זיי טעלערס מיט עסן.

— פאבלהאפט — האבן ראבערט און גרעטע באוואונדערט. זיי האבן געשטוינט, נישט געהאט קיין ווערטער פון אנטציקונג, נישט געוווסט ווי צו באדאנקען סיי חיימקען און סיי די מענטשן, וואס האבן זיי דעם גענאד געטאן. איצט האבן ראבערט און גרעטע דערזען, אז עלזעס חתן איז א וויכטיקער מענטש. ער

האט שוין לאנג געהערט, אז די „ישיבה בחורס" זיינען „רייכע לויטע"...

ראבערט איז איצט געווען אן אנגעזעענער מענטש ביי די ישיבה-לייט און רבנים. פון אלע זייטן האט מען אים געזאגט „גוט מארגן". טייל האבן אים אפילו גערופן רב ראבערט.

א חתונה איז דאס געווען ווי ביי די שענסטע יידן אמאל אין די שטעטלעך. אלע רביצנס און די פרויען פון די ישיבה-לייט מיט די ברוידעס בראש האבן זיך געפארעט. הונדערטער מענטשן, די רבנים-פליטים און אלע ישיבה בחורים, פון די עלטסטע ביז די יינגסטע זיינען געווען אין שול ביי דער חופה. דער חתן האט געהאלטן א דרוש און עלזעס פאטער האט אים אנגעקוקט ווי מען קוקט אן א קונצנמאכער, ווייל ער פארשטייט זיי ביידן נישט. איבערראשט איז ער געווען פון די טענץ, ראד אין ראד און אזוי שנעל, אזוי אימפעטדיק און אלע האבן געזונגען. מען האט דעם דייטש אריינגעכאפט אין א ראד, ער איז דאך עפעס דער כלהס פאטער און מען האט אים געצוואונגען צו טאנצן האט ער געטאנצט ווי א האלץ, אבער זיין פנים האט געגליט פון רויטקייט און שוויס האט זיך געגאסן פון זיין שטערן.

עלזעס ברודער, קורט, איז געקומען אומגעבעטן. נישט די עלטערן און נישט עלזע האבן אים געבעטן. קורט האט זיי אלע פארשעמט און באליידיקט... ער האט זיך דערוווסט פון פרעמדע מענטשן, איז ער אליין געקומען און ווי ער האט אויסגעטרונקען דאס ערשטע גלעזל בראנפן האט ער זיך צערעוועט: „די כלה איז מיין שוועסטער". דאס דערהערט האט אים עמיצער אריינגעווארפן אין א ראד. דער כלהס ברודער דארף טאנצן, נישט שטיין ווי א סלופ. קורט האט זיך געדרייט ווי א שיכור און געטרעטן אויף פרעמדע פיס, האט מען אים דערפאר צוריק

ארויסגעווארפן פון ראד. ער איז קוים מיטן אטעם ארויס אין דרויסן אפברעכן.

קורט איז אראפגעקומען מיט לא-דזשענען. אייגנטלעך איז לא-דזשען געקומען מיט קורטן. זי האט עס שוין נישט געקאנט אריבערטראגן די בושה פאר איר טאטע-מאמע און פאר די שכנטעס, וואס קורטס עלטערן זיינען קעגן איר. לא-דזשען איז געשטאנען ביי דער טיר, נישט געהאט די דרייסטקייט זיך דער-נענטערן צו קורטס פאטער. קורט האט גערעדט פאר איר. פון די געציילטע ווערטער, וואס זי האט פארשטאנען און פון די גרימאסן אויף זיין פנים האט זי דערקענט, אז ער בעט זיינע עלטערן, זיי זאלן נאכגיביק זיין. האט זי אויך געבעטן, זי האט געבעטן שטומערהייט. אירע טרערן האבן גערעדט.

— פארוואס האסטו מיך נישט געפרעגט? — האט דער פאטער זיך געהאלטן ביי זיינס.

— איך בין שולדיק, פארגיב מיר.

— גרעטע, וואס זאגסט דו?

— ער האט דאך דיר אלץ דערקלערט — האט די מוטער פארטיידיקט איר זון.

— נו גוט. בימע לא-דזשען צום טיש.

עס איז אבער פלוצלינג עפעס געשען, וואס ראבערט האט מיט אמאל געאיילט קורטן און די כינעזערין, זיי זאלן גלייך פארלאזן דעם צימער, אבער שוין. ער האט זיי כמעט ווי ארויס-געשטויסן:

— אין א האלבע שעה ארום קומט צוריק, קומט צוריק.

קורט און לאדזשען האבן גאר נישט פארשטאנען, וואס עס איז געשען. זיי זיינען ארויס פון צימער, איבערווארטן ערגעץ-ווו די האלבע שעה.

ראבערט האט דורכן פענצטער דערזען אנקומען חיימקען און עלזען, עלזע מיט א באדעקטן קאפ. ער האט מורא געהאט, ראבערט, פארן צוזאמענטרעף פון די דאזיקע צוויי פארן...

— ווילקאמען חיימקע, ביטע עלזע — איז ראבערט זיי אקעגנגעגאנגען.

ווייטער - וואנדערונג

אייזיקל האט א פריילעכער געשילדערט פאר זיין פרוי גאלדעלע, ווי אין א צוויי-דריי וואכן ארום וועט דא רעגענען מיט וויזעס. אלע לענדער, אלע מלוכות וועלן אונז בעטן, מיר זאלן צו זיי קומען. זיי האבן זיך געכאפט איצט די גוים ווער מיר זיינען...

גאלדעלע האט געגלויבט אין איר מאן ווי א חסיד אין רבין. ערשטנס איז איר מאן, סיי אין ווין און סיי אין שאנכיי, געווען דער זעלבער יידישער ייד ווי אמאל אין דער היים, אין שטעטל קאסאוו ביי קאלאמיי און דאס איז איר, גאלדעלען, גע-ווען זייער צום הארצן און צווייטנס, האט גאלדעלע געזען די גאנצע צייט זינט איר חתונה, אז ווי ער פירט, אייזיקל, און וואס ער טוט איז גאנץ גוט, הלוואי ווייטער נישט ערגער. באלד נאך דער חתונה האט אייזיק איר געזאגט: „נו זעסט דאך גאלדעלע, אז מיר וועלן דא אין קאסאוו זיין גרויסע אביונים, לאמיר ארי-בערפארן קיין ווין". זי האט אים געהארכט און עס איז ברוך השם גוט געווען. פון דער היים זיינען אנגעקומען נישט קיין פריילעכע גרוסן... און אין ווין, ווי נאר די גזלנים, די דייטשן, זיינען אריין אין שטאט און זיך א נעם געטאן דאס ערשטע צו יידן, האט אייזיקל איר געזאגט: „לאמיר גאלדעלע, פריער עוקר זיין, גארנישט באלמוטשען און ארויס פון סדום, איידער די באנ-דיטן וועלן אונז ארויסיאגן אדער גאר אונז פארשפארן". זי האט אים געהארכט און געגלויבט צו גאט, געקומען גאנצערהייט קיין שאנכיי, איבערגעלעבט אלע צרות און פון ווין זיינען אנגעקומען

שרעקלעכע ידיעות וועגן אונזערע יידן אין די הענט פון די רוצחים. נאר דאך איצט האט גאלדעלע מורא געהאט, אז עס וועט קיין ברירה נישט זיין, אז עס וועט גארנישט פועלן אייזיקס חכמה און מען וועט מוזן זיך אומקערן קיין ווין. אמאל איז ווין געווען א לייטישע שטאט, אבער אזוי ווי נאר די דייטשן זיינען אהין אריין, איז די שטאט געווארן מיטאמאל סדום. די ווינער זיינען א האר נישט בעסער געווען פון די דייטשן און אפשר נאך ערגער. דערפאר האט איצט גאלדעלע אזוי מורא געהאט, אז זי מיט איר מאן וועלן מוזן צוריקגיין קיין ווין. געוואלט האט גאלדעלע פארן קיין אמעריקע, צו דער מומע זעלדע, איר פאטערס שוועסטער, א יידענע א צדיקת. אויף דעם האט איר אייזיקל געזאגט:

— וועסט זען גאלדעלע, ווי אין א צווײ־דרײ וואכן ארום נישט שפעטער, וועלן דא שוין זיין קאנסולן פון אלע מלוכות און מיר וועלן גיין צום אמעריקאנער קאנסול. ער וועט אונז די וויזע אקעגנטראגן . . .

די ווינער אין שאנכיי האבן זיך שוין ארומגעטומלט וועגן זייער צוריקגיין צו דער היימאט . . . אייזיקל האט זיי געווייכט, נישט געוואלט שטיין אין זייערע ד׳ אמות. אויף דער פראגע פון א היימישן ווינער: „וואס, אייזיקל, קלערט איר, צי גיין קיין ווין, אדער ערגעץ אנדערש?“ האט אייזיקל זיי אפגעענטפערט זייער שארף און זייער קורץ:

— איר וועט טאן אייערס און איך וועל טאן לויט מיין פארשטאנד.

שבתדיק אנגעטאן, אייזיקל מיט א שווארצן, ווייכן קאפעלוש און א טונקל מאנטל און דאס בערדל לייטיש ארומגעקעמט. גאלדעלע מיט א ברייטן טיולענעם שווארצן שאל אויפן קאפ און אין א נייעם ברוינעם מאנטל. זיי זיינען געגאנגען

בעלאסן, רויק. זיי זיינען געגאנגען צום אמעריקאנער קאנסול, אבער צוקומען צום קאנסול איז געווען שווערער פון קריעת ים-סוף, ווייל אלע קארידארן פון ריזיקן בנין און אויף דער גאס איז געווען א פארפלייצונג פון מענטשן. די מענטשן האבן זיך געשטויסן איינער אין אנדערן מיט געוואלדן און געשרייען. יעדער האט געוואלט פריער זיין. אייזיקל האט גערעדט צו די מענטשן פון רעכטס און פון לינקס:

— משוגעים איר זענט. צו-וואס די בהלה. אז קיין וויזעס פעלן נישט...

אבער באלד איז אייזיקלען קלאר געווארן, אז מיט וויזעס איז נישט ווי ער האט געמיינט. אז ער האט א ביסעלע זיך גע-נארט, א וויזע איז נישט אזא לייכטע זאך, ווי ער האט זיך פאר-געשטעלט. מען דארף אויף דעם א ביטע אפגעבן, אים בעטן, דעם קאנסול, אז ער זאל אזוי גוט זיין און געבן די וויזע. ס'האט אייזיקלען די מעשה פארדראסן, דאך האט ער זיך בארעכנט, אז ארום און ארום וועט דאס נעמען עטלעכע וואכן, נישט לענגער, איז קיין אומגליק נישט, מען האט געווארט אכט יאר, וועט זיין א צולאג נאך עטלעכע וואכן...

— גאלדעלע — האט אייזיקל געזאגט — אז מיר זיינען אין שטאט איז גאנץ גלייך, אז מיר זאלן זיך איבערשפאצירן צו אנדערע קאנסולן, זען, הערן, וואס איז מיט וויזעס אין אנדערע לענדער. „רבונו של עולם — האט אייזיקל געטענהט — וואס האבן די מענטשן זיך אנגעטשעפעט נאר אין אמעריקע”? גאלדע-לע האט אויף אים אויסגעשטעלט א פאר אויגן פון א צעשרא-קענעם מענטש:

— וואס טויג מיר די אנדערע לענדער, ווען האב איך דען דארט? זאל מיר די מומע לעבן און געזונט זיין, ווי דער-לעב איך שוין איר צו זען.

— אוי גאלדעלע, ביזט גאר א נארעלע — האט אייזיקל

איר געגעבן צו פארשטיין — פארן װעלן מיר טאקע קיין אמע־ריקע, אבער אז מיר זיינען אין שטאט, פאר װאס זאל מען נישט א קוק טאן װאס עס הערט זיך ערגעץ אנדערש.

פארן קאנאדישן קאנסולאט האט גאלדעלע געבעטן איר מאן, אז ער זאל נאר נישט זיין ברענעדיק צו דער קאנאדישער װיזע. מען װעט זי דערװייל נישט געמען, װייל אפשר װעט אמעריקע אונטערקומען.

— נו יא — האט אייזיקל מסכים געװען — ס׳גייט דאך נאר אין א קוק טאן, זען און הערן, נישט מער.

דער קאנסול האט אייזיקלען אפנהארציק דערקלערט, אז ער אליין איז חלילה גארנישט דאגעגן, אז אייזיק געװירצמאן מיט זיין װייב זאלן ארייגפארן אין זיין לאנד. נאר װאס דען? ער האט קיין װיזעס נישט. די װיזעס האלט די רעגירונג, דארפן דעריבער קרובים אדער גוטע פריינט, אנגעזעענע מענטשן זיך באמיען ביי דער רעגירונג אין קאנאדע און אויספועלן א װיזע, דעמאלט װעט ער, דער קאנסול, מיטן גרעסטן פארגעניגן לייגן דעם שטעמפל.

אייזיקלען האט דאס שטארק פארדראסן, נישט נאר פאר־דראסן, ס׳האט אים אויך געשטאכן. אזוי זעט דאס אויס מיט װיזעס נאך אכט יאר זיין פארװארפן אין דער פרעמד און אויסשטיין אזוי פיל צרות?! ער האט זיך אבער בארעכנט, אייזיקל, אז קיין אומגליק איז עס דאך נישט. ער װעט בעטן עוזר־שמחהן, עוזר שמחה פון זיין קאסאװ, װאס װוינט אין קאנאדע. ער װעט צו אים שרייבן א בריװל, אז ער זאל ארייגגיין צו דער רעגירונג ארויסנעמען א װיזע. איין קלייניקייט, עוזר שמחה. א תלמיד פון זיין שװער עליו השלום. ער געדענקט דאס װי איצט, אייזיקל, װי עוזר שמחה האט געלערנט גמרא ביי גאלדעלעס טאטן, ביי זיין שװער עליו השלום.

צום ארגענטינער קאנסול האט גאלדעלע נישט געלאזט

אייזיקלען די שוועל איבערטרעטן, ווייל קיין ארגענטינע וויל זי באין אופן נישט פארן. זי וויל נישט פארן צו שלום-מנשהן. זי געדענקט אים. ער איז נישט געווען איי-איי.

— וואס רעדסטו גאלדעלע ? — האט אייזיקל זיך געבייזערט — שלום-מנשה!? מיין בעסטער חבר. מיר פלעגן בשותפות קויפן א פעקעלע טיטון אויסצושטופן פאפיראסן און אין קאסא-ווער טייך האבן מיר געמאכט די אמתע קאזשאלקעס. שלום-מנשה!?

גאלדעלע האט געזען, אז זי האט גראב אנגעטרעטן אפילו אייזיקלען. האט זי נאכגעגעבן און ביידע זיינען אריינגעגאנגען צום ארגענטינישן קאנסול. דער ארגענטינישער קאנסול זעט אויס א גוי א כעסן, ווייל ער האט זיך בייז אפגעריסן:

— וואס, א וויזע!? ער האט זיי אנגעקוקט ווי אויף ווילדע משוגעים. אבער דער ענטפער זייער איז געווען דער זעלבער וואס דעם קאנאדערס, אז ער האט נישט קיין וויזעס, נאר אויב זיין רעגירונג וועט אים צושיקן א פארטיקע וויזע, וועט ער לייגן דעם שטעמפל.

עס האט אייזיקלען אויפגערעגט און אויפגעקאכט. ער זעט דאך, אז דאס איז אן אפגערעדטע זאך פון דער גאנצער וועלט... ער האט זיך אבער בארעכנט, אייזיקל, אז עס איז נישט קיין אומגליק. ער וועט אנשרייבן א בריוו צו שלום-מנשהן. ער וועט דאס מאכן איינס און צוויי.

צו די איבעריקע קאנסולן זיינען זיי שוין נישט געגאנגען. ער זעט דאך, אייזיקל, אז עס איז אן אפגערעדטע זאך פון דער גאנצער וועלט . . .

גאנצע צוויי טעג איז אייזיקל געווען פארנומען מיט שרייבערייי. ביים ביטע-שרייבער האט ער געלאזט שרייבן א ביטע צום אמעריקאנער קאנסול, אז ער און זיין ווייב, אייזיק און גאלדע געווירצמאן, בעטן אים ער זאל אזוי גוט זיין און זיי געבן

די וויזע, זיי לאזן פארן צו דער מומע זעלדע וויינשטיין, וואס וווינט אין ניו-יארק, אין די בראנקס.

די יידישע בריוו האט אייזיקל אליין געשריבן. קודם-כל צו דער מומע זעלדע:

„זיי וויסן, טייער מומע, אז מיר וועלן זיך איגגיכן זען, נאר בעסער איז, אז דו זאלסט אין וואשינגטאן אונטעריאגן די וויזע".

דערנאך איז געגאנגען דער בריוו קיין קאנאדע צו עוזר-שמחהן:

„לאהובי עוזר-שמחה! איך קום דיר שרייבן, אז מיר לעבן און זיינען געזונט ב"ה, גיי אריין צו דער קאנאדישער רעגירונג, וועגן א וויזע פאר אונז. אזוי ווי מיר וועלן קריגן די וויזע, וועלן מיר גלייך צו דיר קומען. ממני אייזיק געווירצמאן".

די איבעריקע בריוו האט גאלדעלע נישט געלאזט שרייבן. זי האט מורא געהאט חלילה אין א שלעכטע שעה ארויסצוזאגן דאס ווארט ארגענטינע אדער אנדערע לענדער. דאס קאן קאליע-מאכן אמעריקע. אייזיקל האט איר געגעבן צו פארשטיין מיט פארשידענע משלים און גאלדעלע האט נאכגעגעבן. אייזיקל האט ווייטער געשריבן צו די איבעריקע לענדער, צו זיינע קאסאווער. א מענטש דארף אלץ פרווון און דער אויבערשטער וועט טאן ווי ער וויל.

— אויב אזוי — האט איצט גאלדעלע א בארויקטע גע-זאגט — אויב חלילה, די שעה זאל נישט זיין, עפעס מיט אמע-ריקע וועלן מיר פארן נאר קיין קאנאדע, צו עוזר-שמחהן. עוזר-שמחה איז קיין עין הרע א גרויסער עושר, וועסטו אריין אין זיינע געשעפטן...

אזוי איז שוין, אז מען שרייבט בריוו, בפרט צו נאענטע מענטשן באקומט מען ענטפער און גאר שנעל. אין איין וואך האט

אייזיקל דערהאלטן ענטפער אויף אלע זיינע בריוו. אייזיקל האט זיך איף זיי גערייכט. ער האט דאך געשריבן נישט צו קיין פרעמדע, נאר צו דער מומע זעלדע און צו זיינע קאסאווער.

פריער האט ער געליינט, און אויפן קול, דער מומע זעל־דעס בריוו:

„איך האב עגמת-נפש, וואס איר זענט נאך אלץ אין שאנ־כיי. שרייבסט מיר אייזיקל, איך זאל אין וואשינגטאן אונטערריאגן די וויזע. ווי קאן איך דאס טאן, איך, א יידינע פון פינף און זיבעציק יאר? איך גיי נישט ארויס פון שטוב. אויב איר וואלט געקאנט קריגן א וויזע ערגעץ אנדערש, ווי למשל, קאנאדע אדער ארגענטינע וואלט זייער גלייך געווען. אומעטום זייגען אונזערע קאסאווער. וואס עפעס פונקט אמעריקע? זיי וויסן אייזיקל, אז אין אמעריקע איז זייער א שווער לעבן. מען ווערט דא גרוי און אלט פאר דער צייט. ווי איך פארשטיי גייט אייך אין דעם שאנכיי נישט איבעריק גוט, האב איך געזאגט מיינע קינדער, זיי זאלן אייך ארויסשיקן א פעקל. איר זאלט עס פארנוצן געזונטערהייט״.

אייזיקל האט דערשפירט א שטאך אין הארצן. מסתמא צוליב דער מומעס בריוו. און גאלדעלען שטייען שוין טרערן אין די אויגן. זי זעט דאך, אז קיין אמעריקע וועט זי שוין נישט פארן, נישט זען די מומע זעלדע . . .

איצט עוזר-שמחהס בריוו. ער שרייבט:

„איך האב געטאן פאר אייך אלץ, וואס איך האב געקאנט. וואס וואלט איך נישט געטאן פאר מיין רבינס טאכטער און איידעם? נאר קיין אמונה האב איך נישט אין דעם. פארוואס טויג אייך אייגנטלעך נישט אמעריקע? עס איז דאך לייכט קיין אמע־ריקע ארייגצופארן . . . איך פארשטיי דאס באמת נישט. איך האב געזאגט מיינס א מענטש, ער זאל אייך גלייך ארויפשיקן א פעקל פון שפייז און אביסל מלבושים.

ממני עוזר-שמחה אגרעסבוים״.

איצט שלום-מנשהס בריוו פון ארגענטינע. שלום-מנשה שרייבט:

„ידידי אייזיק. עס האט מיך זייער געפרייט דיין בריוו. איך וואלט אלץ געטאן פאר דיר, פאר מיין בעסטן ידיד פון קאסאוו. נאר עס איז רחמנא ליצלן נישט צוצוטרעטן צו דער ארגענטינער רעגירונג. עס איז גארנישט צו מאכן. איין זאך פארשטיי איך נישט אייזיקל, פארוואס ווילסטו פארן פונקט קיין ארגענטינע? איז דען נישט גלייכער אמעריקע אדער קאנאדע? זאלסט מיר תיכף שרייבן ווי דו וועסט נאר ערגעץ קומען. איך פארשטיי דיין מצב וועל איך דיר בלי נדר מארגן ארויסשיקן א פעקל.

ממני שלום-מנשה האלץ".

פונקט אזוי האבן אויסגעזען די איבעריקע בריוו.

נאך ווייניק, וואס אייזיקל האט געהאט אזא גרויסן עגמת-נפש פון די נישט-פריילעכע גרוסן האט ער נאך געהאט שברת הלב פון גאלדעלעס פארצאגט פנים.

פארענדיקט מיט די בריוו האט זיך אנגעהויבן אן ארבעט מיט די פעקלעך. וואלטן זיי כאטש אלע אנגעקומען אין איין טאג, וואלט דאס געווען א קנאפע צרה. אבער ניין — יעדן טאג א פעקל און יעדן טאג איז אייזיקל געלאפן צו דער פאסט, גע-זוימט זיך דארט א גאנצן טאג ביז ער האט דאס פעקל געקריגן און איצט אהיימטראגן דאס פעקל און עס צוהאלטן מיט ביידע הענט, עס זאל זיך גארנישט ארויסשיטן. אזוי האט עס גענומען גאנצע אכט טעג. אמת, די פעקלעך זיינען גוט צונויף געקומען. ס׳זענען דאך געווען גוטע זאכן סיי פון שפייז און סיי פון מלבושים. אבער, אז אייזיקל און גאלדעלע האבן א קוק געטאן אויף דער גאנצער קראם מיט פעקלעך האבן זיי געזען, אז קיין וויזע איז נישטא...

גאלדעלע איז אין די נעכט נישט געשלאפן פון זארגן און קרענקונג, וואס זי וועט מוזן צוריקגיין קיין ווין...

נאך צוויי חדשים האט דער אמעריקאנער קאנסול זיך דערמאנט אין אייזיק געווירצמאן. ער האט אים צוגעשיקט א בריוו. פון אויפרעגונג איז אייזיקלס פנים רויט געווארן און זיינע הענט האבן געציטערט. גאלדעלע איז געשטאנען לעבן אייזיקלען, מיטגעהאלפן אריינקוקן אין קאנסולס בריוו.

דער קאנסול בעט אייזיקלען, ער זאל אויספילן די צוויי בויגנס פאפיר, וואס ליגן אין קאנווערט. איין בויגן פאר אים און איין בויגן פאר גאלדעלען. ער זאל אויפשרייבן: ווען געבוירן, ווו געבוירן. מלא שמחה איז אייזיקל געווען. ער איז ארומגעלאפן איבער דער שטוב טאנצנדיק. ער האט גיך געכאפט דעם מאנטל אויף זיך, געלאפן צום ביטע-שרייבער.

די ווינער האבן זיך געגרייט צו זייער צוריקקער אין דער היימאט... זיי האבן אויפגעפרישט די וואליזן, אפגעווישט דאסווארט ש א נ כ י י און אויף דעם ארט אנגעשריבן װ י ן.

אין זייער פאריין האט מען יעדן טאג געהערט פייערדיקע רעדעס וועגן דער פרייד מיט דער היימאט... נאך די רעדעס האט דער עולם געפאטשט „בראוואָ". אז עס איז נישטא קיין אנדער לאנד מוז די „היימאט" גוט זיין.

פון אייזיקלען האבן זיינע היימישע ווינער געשפאסט:

— וואס אייזיקל, אמעריקע?

— איר האט שוין די וויזע?

— איר האט שוין א שיפס-קארטע?

אייזיקל האט נישט געקאנט זיך קיין עצה געבן מיט די

לצים. זייערע ווערטער האבן אים געברענט. ער האט געוואלט זיי אויסזידלען פאר זייער פארן קיין סדום. ער האט געוואלט אויסשרייען די חטאים אויף פיל פון זיי. זיי זיינען אבער א סך און ער איז איינער אליין, האט ער פארביסן די ליפן און גע־שוויגן. זאלן זיי פארן וווהין עס ציט זיי און ער וועט פארן לויט זיין פארשטאנד.

אין די געסלעך פון געוועזענעם געטא איז היינט א פריי־לעכער גערודער. מארגן קומט אהער אראפ א וויכטיקער מענטש, אויספרעגן יעדן איינציקן וווהין ער וויל פארן. די דאזיקע בשורה האט אייזיקלען אינגאנצן מחיה געווען. ער איז געווארן א נייער מענטש. איצט גלויבט ער, אז ער און גאלדעלע וועלן שוין יא זיין אין אמעריקע. ווארן, וואס איז עס עפעס א שפאס, א חוזק?

איצט איז אייזיקל ארויס נקמה נעמען אין די ווינער.

— ווען גייט אפ די שיף?

— פארוואס טאקע נישט אמעריקע?

די ווינער זיינען בלאס געווארן פון פארשעמטקייט. פאר־וואס טאקע נישט אמעריקע?

הענדלער זיינען יענעם טאג נישט געגאנגען צו זייער האנדל און בעלי־מלאכות האבן זיך נישט גענומען צו דער ארבעט.

אויף אייזיקלען האט דער אראפגעקומענער וויכטיקער מענטש געמאכט אן אויסטערליש גוטן איינדרוק. אן עלטערער הער, גרויע האר, מיט א מאנאקל. ער האט גערעדט געלאסן און זיך פריינטלעך באנומען.

— וווהין ווילט איר עמיגרירן?

— קיין אמעריקע.

— האט איר דארט קרובים?

— יא, מיין ווייבס מומע, זעלדע וויינשטיין, אין ניו-יארק, אין די בראנקס.

— זייער גוט — האט דער מענטש געזאגט.

— און אויב נישט אמעריקע? — האט דער מענטש געפרעגט.

— פארוואס נישט אמעריקע?! — האט אייזיקל אויפגעציטערט.

— דאך. מאלע וואס עס מאכט זיך.

— איז קאנאדע — האט אייזיקל געענטפערט.

— וועמען האט איר דארט? — האט דער וויכטיקער מענטש געפרעגט.

— מיין פריינט עוזר-שמחה אגרעסבוים.

— גוט. אבער דאך, ווען נישט קאנאדע? מאלע וואס עס מאכט זיך.

— ארגענטינע — האט אייזיקל געענטפערט אין ציטערניש.

— איר האט דארט עמיצן?!

— מיין בעסטער פריינט שלום-מנשה האלץ.

— גאנץ גוט — האט דער הער געזאגט.

אויב אזוי האט אייזיקל זיך געטראכט — מאלע, וואס עס מאכט זיך, האט ער אויפגעגעבן נאך פינף לענדער און פינף נעמען פון זיינע קאסאווער.

— פרעכטיק — האט דער מענטש געזאגט.

דער עלטערער הער מיטן מאנאקל האט ערנסט געשריבן און דערלאנגט דאס פאפיר אייזיקלען צום אונטערשרייבן, אז ער אייזיקל וועט האלטןווארט . . .

אז אייזיקל האט וועגן דעם גאלדעלען דערציילט, איז איר פינצטער געווארן דאס פנים.

— פארוואס האסטו זיך נישט איינגעשפארט נאר אויף אמעריקע? ווּעמען האב איך דען אויף דער וועלט, אויב נישט די מומע זעלדע אין ניו-יארק?! איר פנים און אויגן האבן געגליט ווי אין הויכן פיבער.

אייזיקל האט באמת נישט געוווסט וואס צו ענטפערן. אבער מינוטן שפעטער האט גאלדעלע א בארויקטע געזאגט צו איר מאן:

— אויב נישט אמעריקע און מען וועט אונז געבן אויסצו-קלויבן א לאנד, וועלן מיר פארן נאר קיין קאנאדע. עוזר-שמחה איז קיין עין הרע א גרויסער עושר, וועסטו אריין אין זיינע געשעפטן . . .

אז אייזיקל איז איצט ארויס אין גאס האבן אים זיינע היימישע ווינער, ווי לצים, ארומגערינגלט און זיך איבער אים געווּיצלט :

— אייזיקל, וועלכעס לאנד האסטו אויסגעקליבן?

די לצים זיינען געווען א סך און ער איינער אליין, האט ער פארביסן די ליפן און געשוויגן. זאלן זיי טאן, וואס זיי ווילן און ער וועט טאן לויט זיין פארשטאנד.

אין די געסלעך זיינען געשטאנען רעדלעך מענטשן, וואס האבן געקייכט פון געלעכטער. איינער האט נאכגעמאכט די שטים פונם הער מיטן מאנאקל.

— אמעריקע? זייער גוט.

— קאנאדע? פרעכטיק.

א צווייטער לץ האט לאכנדיק דערציילט, ווי ער האט אויפגעגעבן די גאנצע וועלט-קארטע . . .

די מענטשן אין די רעדלעך האבן געלאכט און דאס האט ווייטיקלעך געשלאגן אייזיקלס געמיט. ווי אבער ער איז פון זיי אוועקגעגאנגען האט ער זיך געשטארקט, ער האט זיך געמוטיקט. אייזיקל ווייסט גאלדעלעס מיינונג וועגן אים, אז וואס ער האט

געטאן ביז היינט איז גוט געווען. ער איז אוועק אין פאריין פון די ווינער, זיך געווענדעט צום סעקרעטאר פיליפ, ער זאל אים פארשרייבן קיין ווין.

פיליפ, א מענטש אין די זעכציקער מיט א פליך איבערן גאנצן קאפ, האט אויסגעשטעלט אויף אייזיקלען א פאר פארוווג־דערטע אויגן:

— זי? זי פארן דאך, שיינט מיר, נאך אמעריקא, ניכט וואר? און עס איז שוין צו שפעט. זי האבן צו־שפעט זיך דעצידירט.

אייזיקל האט געבעטן רחמים. ער האט גערעדט, ווי ער וואלט געוויינט. פיליפ האט זיך דענערווירט, געקראצט דעם פליך. אייזיקלס נעבעכדיקער אויסזען האט אויף אים געווירקט צו ווערן באכגיביק. ער האט אים פארשריבן. אייזיק און גאלדע געווירצ־מאן האבן שוין פלעצער אויף דער שיף, קיין ווין.

צו גאלדעלען איז אייזיקל אריין א צעיאכמעטעטער, א פאר־פלאמטער, האט איר דערציילט די גאנצע געשיכטע...

— אבער רייס נישט איבער און הער אויס ביזן סוף. איך האב זיך אזוי בארעכנט, גאלדעלע, אז ווין איז פאר אונז גאנץ גוט... רייס נישט איבער, הער ביזן סוף. פון ווין מ׳גיט איין שפרונג איז מען אין פאריז און פון פאריז זיינען אלע וועגן אפן, וועלכעס לאנד דו ווילסט קענסטו פארן. אזוי איז שטענדיק געווען און אזוי איז אויך היינט... אבער גאלדעלע, דאס דארף זיין א סוד, א גרויסער סוד.

גאלדעלע האט געגלויבט אין איר מאן, ווי א חסיד אין רבין. אלץ וואס אייזיקל האט געטאן ביז היינט איז געווען ברוך השם מיט הצלחה, הלוואי ווייטער נישט ערגער...

ביי פארהאנגענע פענצטער האבן אייזיקל און גאלדעלע איינגעפאקט די זאכן אין די וואליזן. גלייכער קיינער זאל

גארנישט זען און גארנישט וויסן און נישט אנהויבן שטעלן פראגן. קיין ליגן טאר מען נישט זאגן און דעם אמת קאן מען נישט זאגן. עס וואלט באלד געוועץ א קאך ביי די ווינער, אז אייזיקל נוצט אויס די שיף קיין ווין, כדי צי פארן ערגעץ־אנדערש . . . גלייכער עס איז א סוד.

צו דער שיף זיינען זיי געגאנגען מיט ליידיקע הענט. די וואליזן זיינען שוין דערגאנגען צו דער שיף. זיי זיינען געגאנגען רויק, מיט א מינע, ווי זיי גייען עמיצן געזעגענען.

די שיף איז שוין געשטאנען גרייט צו געבן דעם ברום און אפשווימען. אן אנגעפראפטע שיף מיט ווינער, וואס שיקן שוין די לעצטע לופט־קושן צום גרויסן עולם אין פארט. אבער, אז אייזיקל און גאלדעלע האבן פונקט אנגעטראפן זייערע שכנים, א מאן מיט א ווייב, מיט וועמען מען האט געוווינט אין איין הויז גאנצע אכט יאר, האבן זיי נישט געקאנט האבן שטיינערנע הערצער און נישט אויסזאגן דעם סוד.

— וואס, איר פארט דאך קיין ווין ? — האבן די שכנים זיך געוווּנדערט.

אייזיקל און גאלדעלע האבן זיך צוגעבויגן צו די שכנים׳ס אויערן און זיי אריינגעשעפטשעט :

— אמת, מיר פארן קיין ווין, אבער פון ווין מ׳גיט איין שפרונג איז מען אין פאריז און פון פאריז זיינען אפן אלע וועגן. אין וועלכן לאנד מען וויל קאן מען פארן. אזוי איז שטענדיק געווען און אזוי אויך היינט . . . אבער דאס איז א סוד . . .

— א גליקלעכע רייזע . . .

אינהאלט

פארוואָרט

שיפן 7

א בלאנדזשענדיק מענטשל . . . 17

גאָיאָס קאָנצערט 34

א חתונה 39

ווייטער-וואנדערונג 53

אידישע פאלקס ביבליאטעק
Montreal - מאנטרעאל
JEWISH PUBLIC LIBRARY